STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06649

IN GESHPAN

Pincus Goodman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. גודמאַן

אין געשפּאַן

לידער און געדיכטן

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע
ניו יאָרק, 1926

Copyright 1926
by P. Goodman
Paterson, N. J.

לידער פון היים און פּאַבריק

ס׳וווערט איינגעבויגן פרי דער שקלאַף,
די מוטער־ערד, זי ציט אים צו —
זי פילט זיין שמערץ, זי פילט זיין לאַסט,
און גרייט אים צו, דעם שקלאַף, זיין רו . . .

אויף די וועגן

עס שלעפט זיך מיר נאָך הינטערן וועג
דער לאַסט פון די פאַרגאַנגענע טעג;
און פאָראויס וואו מיין וועג זיך פאַרציט —
לייגט זיך אַזוי שווער אויפ׳ן געמיט.

באַגלייט אַזוי דער לאַסט העט ווייט אַפּ
און פאָראויס ציט דער וועג אַלץ אַראָפּ;
איז איבערן רוקן וואָס זיך צעלייגט —
און קרימט זיך איבערן וועג און זיך בויגט.

שווערט דער לאַסט, וועגט אַריבער די וואָג,
גייט מיר אויף איבערדריסיק דער טאָג;
בייט איך אוים יעדן מאָרגן דעם וועג
דעם לאַסט פון די פאַרגאַנגענע טעג...

איבער'ן שטעטל

איבער'ן שטעטל קוימענס שטייגן
פון פאַבריקן הויך אַרויס,
קוקן אויף דעם אָרעם געגנט
ווי מיט גאוה פון זייער גרויס.

בלאָזן פון זיך סאַזשע-וואָלקנס,
וואו ניט וואו אַ דיקער רויך
שפּאַרט און שלענגלט ווי אַ בייטש זיך —
ווי ר'וואָלט סטראַשען פון דער הויך.

אין פרימאָרגן כ'הער אַ פייפן
דרינגט אַריין אין הויז, אין צעלט —
איז דאָס ניט אַ פאַסטוכ'ס פייפן
רופנדיק די פי אין פעלד?

איבער'ן שטעטל רויך און סאַזשע,
אין דער לופט אַ פייפעריי,
קנאַקט ניט וואו די בייטש פון פאַסטוך?
אונטער'ן בייטש שווינדט אַלץ פאַרביי.

מיין הארפּע

מיין הארפּע איז די מאַשין,
צו מיין ליד זי פּאַסט;
אין יעדן איר גרילץ און רויש
קלינגט מיר אַפּ מיין לאַסט.

מיין שפּילן רירט קיין הערצער,
שפּילן כ'מעג ווי שאַרף —
מיר הילכן ניט קיין „בראַוואָס",
אַנדערש קלינגט מיין האַרף.

ווילד רוישן אירע טענער,
ניט איין טאָן פאַרגעסט;
פון דיקע אייזן סטרונעס
אַנגעצויגן פעסט.

ניט ציטערט, מיינע פינגער,
ווערט ניט מיד און קראַנק!
מיין הארפּע איז פון אייזן;
רוישן מוז איר קלאַנג.

אַ קלאַפּן, אַ רוישן —

אַ קלאַפּן, אַ רוישן,
אַ גרילצן, אַ ברומען,
אַ ווילדער געטומל
פון רוישיקע שטימען.

אַ ברויזן, אַ סקריפּען
פון אייזערנע ציינער,
אַ יאָגן, אַ טרייבן
פון הערצער ווי שטיינער.

אַ געשריי, אַ געבייזער,
ס'לעכערן אויערן;
שפּראָצט איבער לייב אוים
און אנגסט ווערט געבאָרן.

אַ כי־כי געלעכטער,
אַ שפּיז מיט די אויגן;
געכאַפּט אויף אַ שפּילקע
צום מאַגנעט געצויגן.

אַ הוזשען, אַ פּייפן
ווי שדים געזאַנגען;
וואָס האָבן אַהערצו
מיין נשמה געפאַנגען.

ביינקשאפט

עס שלומערט מיין געדאנק פארוויגט פון שאפ געערויש —
און פלאנטערט זיך אין מיר ווי אין שלאף א טרוים;
עס מאלט זיך אין מיין דמיון: א שיפל אין א שטורם,
דאביי מיט אלע כחות האלט מיין גייסט זיך קוים.

עס רוישט ווי א געוויטער דער כאאס פון שאפ,
דאס הארץ ווי אין א תפיסה פון מאטערנים פארגייט;
דורכ'ן פענסטער קוקט ס'אויג באנג ווי א פארבלאנדזשעט קינד
און ס'דאכט אין ים גערויש זיך טרינקט מיין הארץ און שרייט.

עס ווערט פאר'ן אויער פארקלונגען ס'ווארט וואס גרייכט אהין
נאר אין מיין הארץ וועבט זיך א שטיל פאראומערט ליד;
און וועבט זיך אין דער שטילקייט פון די שפעטע נאכט
ווען נאך דער ארבעט זינקט מיין קאפ אנידער מיד.

צום וועק-זייגער

אָ, וועקערל, קלינג, קלינג און וועק
פרימאָרגן מיך אויף אין דער צייט —
באַלד קומט אָן די „שטונדע“, מוז איך
אין שאַפּ ביים מאַשין זיין בארייט.

אָ, וועקערל, קלינג, קלינג און וועק
פאַרטאָגס, ווען מען פייפט דאָרט נאָך מיר —
פאַרשלאָף איך דעם „רוף“ פון פאַבריק,
פאַרהאַקט דאָרט אַ ריגל די טיר.

אָ, וועקערל, קלינג, קלינג און וועק!
קלינג הויך אוים די טענער פרי-מאָרגן —
וועקסטו מיך ניט אויף צו דער שעה,
דאַן וועקן מיך אויף שווערע זאָרגן.

אין דער פרי

ווי גרויזאם עס גרילצט
דער רוף פון פאבריק,
„שטיי אויף ס'איז שוין טאג,
גו גיכער צוריק!"

די אויגן איך ריים —
זיי שליסן זיך צו
אוי וויי, ווי עס בייגקט,
עס בייגקט זיך נאך רו.

עס זינקט מיר דער קאפ
צום קישן צוריק,
נאר אוי, אט דער גרילץ,
דער גרילץ פון פאבריק.

„דו ווילסט זיך צופיל,
גו גיכער דארט קום!"
איך גיי שוין, איך גיי,
טא ווער־זשע שוין שטום!

פ. גודמאַן

אין שאָפּ...

אין שאָפּ, אַ ווי היים איז
אין שאָפּ אַזוי איינג,
אין שאָפּ, אַ ווי טריב איז —
איך זיץ און איך בייגק.

דאָס ווינטעלע דרויסן
ווי ליבלאַך עס קוויקט.
מען פילט עס אין שאָפּ ניט —
דאָ שטיקט נאָר און שטיקט.

קום, ווינטעלע, קום דאָך,
פאַרבלאָז מיר מיין שמאַרץ —
עס שטיקט דאָ, עס שטיקט מיך,
עס טריקנט מיין האַרץ.

פון דער אַרבעט

שטיל פאַרגייען, שטיל פאַרגייען,
מיינע כחות יונגע, פרישע —
פרי פאַרשווינדן אויך אינאיינעם
מיינע יוגנט'ס-טרוימען זיסע.

איך מעסט, איך צייל מיינע כחות,
ווי פאַרגייען נאָך דער רייע —
פון פרי ביז שפּעט גראָב איך קברים —
אָוונטס גיי איך פון זייער לויה.

ווי אַן אבל פון בית עלמין
גיי איך דאַן אַהיים צוריק —
פון דער אַרבעט, פון דער אַרבעט
פול מיט ווייטאָג פון פאַבריק.

נאך דער ארבעט

קום איך אן אין געסעלע,
פון דעם שאפ שוין לויז —
קוקט שוין אוים מיין טייערע,
שטייט שוין פאר דעם הויז.

נעבן איר מיין ליבעם קינד
שפרינגט שנעל אויף פאר פרייד —
לאזט זיך אויפ׳ן קול׳עכל
„פאפא, פאפא גייט!"

לוסטיק מיר אנטקעגן קומט,
שפרינגט מיט רויש און שאל —
הארציק שרייט די מאמע נאך:
„זונעלע, ניט פאל!"

פלינקער צו די טייערסטע
לעבט אויף מיין באגער —
דאך פון לאנגן הארעווען
איז דאס הארץ מיר שווער.

אַן ארבעט

דער פאַטער זיצטביים וויג געניייגט —
דעם קאָפּ געזונקען, טיף געבויגט,
און וויגט דאָס קליינע, בלייכע קינד —
אַך, ארבעטסלאָז איז ער אַצינד.

די מוטער, זי אין שאַפּ איצט גייט,
פאַרלאָזט דאָס קינד און נייט און נייט;
זי מוז די דחקות מאַכן גרינגער
מיט אירע דאַרע, שוואַכע פינגער.

אין שטוב דאָס קינד וויינט אַפּט גאַנץ לאַנג,
זיין הערצעלע איז טריב און באַנג,
מיט אויגעלאַך זוכט עס און שרייט —
עס זוכט די מאַמען שטומערהייט.

דער פאַטער זיצט ביים וויג געניייגט,
דעם קאָפּ פאַרזונקען, טיף געבויגט,
און קאַרמעט ס׳קינד פון דחקות־קריגל, —
דאָס שלאָף־ליד זינגט דער סקריפּ פון וויגל.

קריזיס

די מאשינען שטייען שטיל
נאכ'ן ראשיקייט אן ציל;
אויסגעצויגן שוין דעם זאפט:
בלוט און שוויים און מוסקל קראפט.

ליגן אוצרות אנגעלייגט —
ווארטן מענטשן — הענט פארלייגט,
ביז אין הימל א יאריד —
און מען טומלט: „קריג און פריד".

וואקסט אן אומרו פון דעם „רו" —
— קלאפן טירן אויף און צו,
— טרעפ ארויף און טרעפ אראפ,
לאזט א פארהאנג זיך אראפ.

שטייגט צו „גאט מאמאן" דער האס,
טראגט זיך אום פון גאס צו גאס —
לאכט מאמאן און ווינקט פארשייט:
שאפט א „ברויט-ליין" אין דער זייט.

וואַקיישאַן

קומט דער קריזיס מיך באַזוכן
האָב איך מיין וואַקיישאַן צייט;
כ'בין זיך פריי און קען מיר אויסגיין,
אויסגיין מיט מיין קינד און קייט.

הויבט זיך אָן פאַר מיר די „ביזי“,
שטייט דער „סלעק“ שוין אונטן גרייט,
ס'רעדל דרייט זיך ביז אין „סלעק-טיים“,
ווידער כ'האָב וואַקיישאַן צייט.

כ'האָב ניט דוקא מיין וואַקיישאַן
אין דער גרויסער זומער-היץ —
כ'האָב וואַקיישאַן אויך אין ווינטער,
כ'קען זיך ווילן אויף דער גליטש.

פרעגט ער אים —

פרעגט ער אים מיט צינישקייט
וויפיל איז דיין ווערט?
קלערט ער פריער „ווייס איך וואָס“
כ'האָב פיר איילן ערד.

בלייבט ער פון זיין ענטפער שטיין
און ער רעדט קיין וואָרט;
נעמט ער קוקן אויף דער מאָס
זוכן אוים דאָס אָרט.

לאַכט ער פון אים'ס אָרעמקייט,
מאַכט אַוועק מיט'ן האַנט —
און ער נעמט באַלד שמייכלען אים:
„אָרעם איז קיין שאַנד“.

דערווינטער צום ארבעטער

איך קום און ברייננ דיר ארבעטס-קינד,
ביז'ן סאמע קעלער-גרונט,
שניי-בלימעלאך, מיט פוך צוגלייך,
ניט דאגה פאר'ן געזונט.

איך שעם זיך ניט, אוואו דו וואוינסט —
דורך פענסטער און דורך טיר
קום איך און ברייננ, מיין קינד, אריין,
א רייכטום ברייננ איך דיר;

מיט דימענטלאך דיין טיר כ'באפוץ,
איך שלייף זיי אוים פון שניי —
און אויף די שויבן שפראצט און בליט,
איך ברייננ דיר אויך דיין מאי.

מיט זילבער-בלומען קוויק דיך, קינד,
רייב גוט, געשמאק די הענט —
איז פייכט אין שטוב, איז נאס אין שטוב,
ס'איז דער טוי אויף די ווענט.

פאר תענוג ס'קלאפט דיר צאן אן צאן,
זינג, זינג לכבוד מאי —
די רייכע, רייכע מייד איך אוים,
ס'לעבט זומער נאך ביי זיי.

די מאַמע

נאַכט ביי נאַכט עס זיצט די מאַמע
נאָך די אַרבעטסזאַמע טעג —
ווי אַ וואַנדערער אַ מידער
וואָס ער רוט זיך אָפּ פון וועג.

ביי דעם שוואַכן שיין פון לעמפּל
אַלעמאַל פאַר'ן שלאָפן גיין;
קוקט זי אויף די קינדערלאַך באַנג
וואָס זי קען ביי־טאָג ניט זען.

דעקט דעם קינד דאָרט צו אַביסל,
נעמט אַ הענטל דעם פון האַרץ,
קוקט אויף זיי מיט ב'זאָרגטע בליקן,
האָרכט זיך צו מיט שטילן שמאַרץ.

שלאָפט אַ קינד מיט שווערן אָטעם
קוקט זי בלייך מיט שרעק־געדאַנק;
טאַפּט זיין שטערן און זי שעפּטשעט:
„אוי, ווער ווייס צי ס'איז ניט קראַנק?“

פול מיט פלאָגעניש און זאָרגן
רעדט זי אויס מיט טיפן וויי;
„אַך! אין שאַפּ פאַרשפּאַרט די נויט מיך —
אוי, ווער קוקט זיך אום אויף זיי?“

דאס קליינע מאמעלע

איינזאם אין צימערל
זיצט זיך דאס מיידעלע,
וואכט ביי דעם שלאפנדן
קינד אין דעם וויגעלע,
האלטנדיק ס'פלעשעלע
אנגעגרייט; היט,
הארכט זיך איין אומעטיק,
הערט אין גאס ס'שפילן זיך —
ס'הויבט זי פון ביינקעלע,
האלט איין איר אטעמל,
נעמט גיין פון וויגעלע
פאמעלאכע טריט.

איינזאם אין ביינקענים,
הארכט זיך איין ס'מיידעלע.
קינדערשע קול'עכלאך,
רוישיקע, לוסטיקע,
שטארקער אלץ דרינגען זיי,
הילכן אריין —
שטיל די טיר עפנט זי.
שטיין בלייבט ס'מיידעלע,
קוקט צו דעם וויגעלע,
בליקט אויף דאס עופה'לע,
קערט זיך אום אומעטיק —
עס לאזט זי ניט גיין.

פון שלאָף אָט דאָס עופה׳לע
כאַפּט זיך אױף װײנענדיק,
און מיט די אױגעלאַך
הונגעריק „מאַמע" זוכט —
האַרציק נעמט ס׳מײדעלע
אײנשטילן ס׳קינד;
קאַרמעט עס טרײסטנדיק:
„מאַמע קומט, טאַטע קומט
ברײנגען אונז שפּילעכלאַך,
קלײדעלאַך, שיכעלאַך,
זײ פון דעם שאַפּ אַהײם
קומען געשװינט".

אַ בילד

די מוטער אין שפּיטאָל,
דער פאָטער אין פאַבריק,
אין צװײטן הױז דאָס קינד,
װײנט שטיל: „אַהײם צוריק!"

די שכנה טרײסט אים מילד:
„באַלד קומען װעט דער פּאַ;
און אויך פון קראַנקן-בעט
קומט באַלד צוריק די מאַ."

און הערט זיך װאו אַ פּײף —
און עפנט זיך די טיר,
מיט פרײד שפּרינגט אױף דאָס קינד
„די מאַמע קומט צו מיר".

די מוטער

די מוטער א קראנקע
שפארט אפ פון געזונט;
און זי זשאלעוועט זיך
און קארגט ניט איר קינד.

וויל אינגעלע שפילן
א פידעלע וויל;
עס קויפט שוין די מאמע
נא פידעלע שפיל.

וויל שפילן אויף פיאנע
דאס טעכטערל בעט;
פארזאגט עס די מאמע
שפיל אבער ניט שפעט.

וויל אינגעלע האבן
וואס מיידעלע וויל;
פארגינט זי זייביידן
קיין זאך איז צופיל.

פארשפילט זיך דער וויטאק
פון מאמען און קינד;
דער פאטער ווימוטיק
זיין טרויסט אויך זיך שפינט.

פ. גודמאַן

צו אַ דעי-נוירסערי קינד

אָרעמעס קינד אין דעי-נוירסערי
זיץ אין דעם ווינקעלע שטיל,
ווערט דיר אויפ'ן הערצעלע אומעטיק
נעם דיר דאָ שפּילצייג און שפּיל.

קינד'לעי דערעסט דיר דאָס שפּילן זיך
וואַרף ניט אַוועק דאָ קיין זאַך;
מאַמע אין שאַפּ מוז דאָרט אַרבעטן
האָסט צייט זיך צו שפּילן אַ סך.

קינד'לעי ניט קריך אויף די פענסטערלאַך,
פרעג ניט ווי שפּעט איז אַצינד:
לייגנער דאָרט קוקט אויס דיין מאַמעלע
ביז זי דערזעט שוין דיך קינד.

ציען זיך שעה'ן לאַנגווייליקע
שלאָף ניט פאַר בייגקענים איין;
מאַמע געדיינקט דיך דאָרט פראַצענדיק
דויערן די שעה'ן נאָך מיין.

לייגט דיך די „נוירס" אין אַ בעטעלע
זאָרג ניט וואָס מאַ איז אַוועק,
זוך ניט אין שלאָף מיט די אויגעלאַך,
כאַפּ דיך ניט אויף מיט אַ שרעק.

אָרעמעס קינד אין „דעי-נוירסערי"
וויין ניט די אויגעלאַך אויס;
מאַמע וועט ענדיקן אַרבעטן
נעמט זי אַהיים דיך אין הויז.

דער שקלאַף און דער וויסל

מיט׳ן נאַכט ר׳איז געפאַלן פון די פיס פאַרהאָרעוועטערהייט,
דער שלאָף אויף זיין ברעם האָט געקלעפּט זיך, געלייגט זיך מיט שרעק,
אין אויג האָט זיין שלומער צעשאַרט זיך — געטאָן זיך אַ וועק —
און אים האָט געפּלאָגט אַלץ דער וויסל: פאַרזאַם ניט די צייט.

פאַר׳ן טאָג ר׳האָט געשטאַרקט זיך פאַר׳ן וויסל ווען ער׳ט אים באַזוכט —
זיין קרעכץ האָט זיך איבערגעריסן פאַר׳ן וויסל פאַרשטומט;
דער טייפל ניט נעמען, ניט נעמען ער האָט צוגעברומט —
און ער, שוין באַרייט גאָר צו קריינקען אין סלעק — האָט געפלוכט.

אויפ׳ן וועג האָט זיין וועזן געהילט זיך אין נעבל, אין פּיין,
געשלעפּט זיך אין שאָף ווי אַ שאָטן נאָך אייגענע טריט,
אויפ׳ן מיטאָג־שעה וויסל, דערנאָך ווי אַ הונט ר׳האָט געהיט
און קוים אין אַ ווינקל ער האָט צוגעשלעפּט זיין געביין.

געגרילצט האָט דער מיטאָג־שעה וויסל: די שטונדע פאַרביי,
אין שאָפּ האָט ס׳גערויש פון מאַשינען זיך אָנגעפילט באַלד.
נאָר ער איז אין אַ ווינקל געלעגן שוין אָטעם־לאָז, קאַלט —
און אַלץ האָט פאַרגליווערט אַ שטילקייט פון אַנגסט־אויס־געשריי.

ער איז שוין מיט׳ן וויסל פאַרגאַנגען, מיט׳ן וויסל געלעבט,
ניט לער זיין מאַשין שטייט — און ס׳ווינקל שוין לאַנג אויסגעקערט —
און וואַכעדיק ווייעט זיין געדעכטנים אין וויסל זיך הערט —
און ס׳דאַכט מיר די נשמה פון שקלאַף אין דעם ווינקל דאָרט שוועבט.

פאַבריקן לעמפּלאַך

טויזנטער לעמפּעלאַך צינט אָן די נאַכט,
גיי איך פאַרביי די פאַבריקן און טראַכט:
אוצרות מיט רייכטימער וועבן זיך אוים —
גאָלדענע פעדימלאַך בלישטשען אַרוים.

זע איך אַן אַמבולאַנס פליט צום פאַבריק,
שנעל ווי אַ בליץ, ער פאַרשווינדט פאַר מיין בליק —
טראַכט איך פון כחות, וואָס גייען דאָרט אוים,
שיינען די לעמפּעלאַך בלאַסער אַרוים.

טרעף איך אַ יתומ׳ל שטיין דערנאָך,
טויט איז זיין פאָטער פון פּראַצע און יאָך —
וואַרט אויף זיין מוטער — ניט קיינער אין הויז —
דאַכט זיך: נשמה־ליכט בלישטשען אַרוים.

צוויי ימים

אויף צווייערליי רוישיגע ימים
מיט אפגרונטן טיף;
א שיף קאפיטאן ווערט מיין מזל
און פירט דארט מיין שיף.

דער זייגער ער ווייזט אויף די שטונדע,
א ווייסל עס בלאזט,
באלד שטרעקט ער די האנט אוים צום רודער,
מיט'ן ווייסל זיך לאזט.

ווערט שוואכער א מוסקל, צעציט זיך,
א שרייפל ווערט לויז —
טרייבט אונטער דער שטורם מיט אימפעט
די כחות ארוים.

דער מאסט-בוים ער קרעכצט און ער בויגט זיך,
זיין גלייכקייט פארלירט;
באגלייטן די רוישיגע כוואליעס
פון שטורם געפירט.

דער זייגער ווייזט ווידער די שטונדע
דעם קאמפאס ער טוישט;
דורך וועגן צעדרייטע, פארקרימטע,
א צווייטער ים רוישט.

עס טראגט זיך מיין שיף אויף צוריק-וועגס
אדורך אין געדרענג —
ביינאכט מיין שיף אנקערט אין האפן,
דער האפן איז ענג.

מיין מזל פאַרציט שוין דעם אַנקער,
דער רודערער מיד —
און ס'פּירט אים אַוועק דער בעל־חלומות:
„אַ שקלאַף אויפ'ן יריד".

ער כאַפּט זיך מיט שרעק אויף פון חלום,
דער מאָרגן שוין גרויט;
רוישט ווידער איין ים פון מאַשינען,
אַ צווייטער פון נויט.

אויף אַ צעבראָכןביינקל

אויף אַ צעבראָכן ביינקל
וויינט דאָס געמיט
פון מיינע וואָכעדיגע טעג,
און טראָגט זיך אַוועק אין גערויש
צווישן די וועב־מאַשינען;
קלינגט דער פאַרשטיקטער קרעכץ
וואָס כ'הער זיך קוים אַליין,
בין איך בלויז דער טרייב פון מאַשינען,
דאַרף איך בלויז דעם קראַפט אַנצופילן —
איז גוט אַזוי דאָס ביינקל
כאָטש אויף אַ ווייל אָפּצורוען;
און ווידער אַ ווייל אַנצעשפּאַרן —
וויינט אַזוי דאָס געמיט
אויף אַ צעבראָכן ביינקל
אין מיינע פראַצענדיגע טעג. . .

איך בין אַ שומר

I

איך בין אַ שומר
איבער פרעמדע טעג,
היט איך אָפּ די שעה'ן
און צייל
ס'זאָל ניט געמינערט ווערן
אַ שעה;
שרעקט וואָס —
דער ווייזער
פּינקטלאך גיט אַכטונג
אַלץ צום מינוט —
היט איך אַזוי
די פרעמדע שעה'ן
און אייל
אין די וואָכעדיגע טעג.

II

איך בין אַ שומר —
אָבער ניט איבער מיין צייט,
מעגן די שעה'ן איילן,
מעגן די שעה'ן דויערן,
מעג זיך דער זייגער אָפּשטעלן
אָרט מיך גאָר ווינציק די צייט —
די צייט כ'וועל ניט פאַרזאַמען,
די צייט האָט צייט צו וואַרטן,
די צייט וועט מיך איבערלעבן —
פרעג מיר ניט ווי שפּעט איז,
ווי שפּעט איז די צייט. . .

דער טריבער הימל

דער טריבער הימל
שפּיגלט מיך אָן,
קליידט מיר אַזוי צום געמיט
כ'זע מיין אויגן־שיין,
כ'זע מיין זעלען־שיין
אינם בליק
פונ'ם וואָכענדיקן טאָג.

דער בלויער הימל
רייצט זיך בלויז מיט מיין האַרץ.
וואָס דער טאָג איז ניט מיין —
און ס'בלענט אין די אויגן
אין שענסטן וואָכעדיקן טאָג
די געלע עלעקטרישע לעמפּלאַך
איבער מיר,
צווישן די וועב־מאַשינען
אין די טונקעלע וועב־פאַבריק.

לעבנסמידע חלומות

לעבנסמידע חלומות
שפּינען זיך
אויסגעמאַטערטערהייט ;
האָרך איך זיך איין,
ווי צו אַ שלאָפן,
הער איך גאָרניט
פיל איך גאָר :

אינם גאנצן גוף
איין שטיק מידקייט
פאלט מיט די אויגן צו,
ליגט אין איין פיין —
וועב זיך אוים א שרעק :
איך גיי אוים,
איך גיי אונטער מיר —
דאכט זיך אוים
עפעס רייסט זיך אפ
פונם גוף,
גלידערוויז
ליגן שלאף,
פאראליזירט ;
צינדט זיך עפעס,
ווי שוועבאלאך
אן רוקן-ביין,
איינם געלאשן,
איינם געצונדן
שריי איך אויסן שלאף
און קען זיך אליין ניט דערוועקן,
סאפעט שווער דאס הארץ
שלעפט מיט אלע כוחות
ציט די אברים צו ;
קום איך אויף מיט שרעק
און קום צו זיך,
פריי איך זיך,
וואס איז בלויז א חלום געווען —
איבער מיר...

עס איז אזא טאָג געווען

עס איז אזא טאָג געווען,
ווי אַ סך אזוינע טעג
שווערע פראַצעוודיגע טעג,
טרעפט זיך אזוינס
וואָס לוינט ניט צו דערמאָנען —
ניט אנענדיק,
ניט ווילענדיק
פרעסן נאָך די ליפּן צו דעם פּיין.
פאַרבייסן נאָך די ציין דעם ווייטאָג
פון איינגעקלעמטע פינגער־נעגל
פון מאַשין וואָס דו קריגסט ;
צו גאָר אזוי אַ זעץ אין מח
פון נאָך אַ מאַשין,
און נאָך אַ מאַשין
אין אימפּעט וואָס דו יאָגסט,
ניט אויסהיטנדיק זיך —
בלייבסטו טיילמאָל שטיין „סטאַמיעעט" :
ווי צומישט ;
גיט אַ שוועב אדורך דער טויט,
גיט אַ שווינדל פאַר די אויגן
און די עלטער־באָבע וואָס דו זעסט —
און ביסט זי מקנא.
נאָר מאַכסט זיך גאָר ניט דערפון,
ווי גאָרניט געווען —
גייסט זיך ווייטער אָן מיט דער אַרבעט
דו שקלאַף !
פון מאַשינען געיעג !
עס טרעפט זיך אזוינס,
עס איז אזא טאָג געווען.

ווען —

ווען די נאכט ברענגט פרייד,
ברענגט זי מיר דערפון חלומות.
ווען דער טאג ברענגט גליק,
ברענגט ער מיר פארשקלאפונג —
ריים איך זיך אפ פון איין פארשקלאפונג.
ציט א צווייטע פארשקלאפונג ;
וואקסט דער געפיל :
ניט דער שקלאף פון אמאל,
נאך טויזנט פיינונגען
געצוואונגען צו איין האר —
נאר פון פרייען שקלאף
צו א סך הארען —
צווינגט זיך אליין,
יאגט זיך אליין
דעם האר אויסצוזוכן ;
צאלט ער דעם פרייז
פון די וואכעדיגע טעג,
פון די וואכעדיגע נעכט,
אינם קלאגלאכן לעבן —
האף איך נאך די יום-טוב׳דיקע טעג,
בענק איך נאך די יום-טוב׳דיקע נעכט
זיינען זיי ווי א ניט באצאלטער חוב
צו מיינע שולדן —
רייסט זיך אויס א פלוך
נאך מיין וואכעדיק-לעבן
צו אלע מיינע הארן!

ש ט י ג ן

שטיגן
פאַבריקן שטיגן
טענעמענט שטיגן,
שטיינערנע,
אייזערנע,
הילצערנע,
אַלערליי שטיגן
שטייגן אַרויף ;
לענג און ברייט,
משופּה, קרום,
קווער און סקווער,
אומגעדרייט
העכער אַלץ שטייגט
שטאָקן הויך,
שטאָקן צייל.

שטיגן
שטייגן אַף שטיגן —
קריכן אַרויף
איינס מיט אַמאָל,
צוויי מיט אַמאָל,
אַהין און אַהער

דעם קאפ אנגעבויגט,
צוריק אויסגעבויגט
א בליק מיטן אויג,
א צייל מיטן בליק
שטאקן הויך,
שטאקן צייל.

שטיגן

שטייגן זיי אף שטיגן
מיט די פיס אזוי שווער,
מיט די הענט אנגעשפארט
צום פארענצעביים זייט ;
מיד פון זיך שלעפן
ארויף אף די טרעפען,
בלייבן טייל שטיין
אן כח אף די שטיגן,
פארלוירן דעם אטעם אף די שטיגן
דארפן א טייל ערשט
א וואוינונג זיך זוכן
און ארבייט זיך זוכן ;
די טירן אנקלאפן —
נאכן אטעם אפכאפן,
טעג מיט די יארן . . .

אין געשפאן

ציען זיך, ציען די אדערן אוים אין געשפאן,
ציט זיך דער לאסט אזוי איבערן רוקן זיך ציט ;
קלאפט דאס הארץ שווערער און שווערער שוין שפאנען די
טריט,
צייל איך די שעה׳ן און קלער וויפל נאך זיינען פאראן ?

ציען זיך שעה׳ן ווי פון פעד דורך רוקן און לענד,
ווערט גאר דערעסן דער אומרו, דער זייגער וואס גייט ;
ווילט זיך אפשטעלן דעם ווייזער, וואס ווייזט מיר די צייט,
ווילט זיך ניט וויסן ווי שפעט איז און קוקן צום ענד.

ווערן די טעג באאומרואיקטע, עפעס ווי פרעמד,
מידערער טונקעלען די אויגן, עס שווינדלט דער שיין ;
קוקן זיי אוים אף די נעכט, וואס מאכן זיי צו,
ווערן ליב מיר די נעכט, אזוי נאנט ביז לייב און העמד —
נאר דאס וואס שיינקען די נעכט מיר א ביסעלע רו
גייט אוועק אלץ אין געשפאן ווי אלץ וואס איז ניט דיין. . .

לידער פון בײנקעז און אומרו

עס צירן זיך לידער

עס צירן זיך לידער אין ריימען,
ווי ס'טוט ווער א זוים ארום זיימען;
און זיימען און ריימען און פוצן,
באַצירן אזוי ווי מיט שפיצן
די שורות ארום בא די ברעגן —
און ריימען אין מיטען באהאפטן
נאָך האלב אין די שורות מיט זינגען;
ווי טרעלזלעך און פרענזלעך פארפלאַכטן
עס טאַנצן די שורות אנטקעגן,
אהין און אהער אינ'ם נגון,
אין זיגזאַג פון ריימען געריגן,
געמאָלן מיט פאסן און שטרייפן,
געקניפּט און געבונדן מיט שלייפן,
זיך צירן די לידער און קלינגען.

עס שפּילן זיך לידער

עס שפּילן זיך לידער אין קלאַנגען
און הוידן זיך אום ווי די זאנגען;
און וויגן און וועגן זיך איבער
גייט איבער די שפּע אלץ ליבער —
נאָר טייל אזוי טריב אראָפּ שווערן
ביז וואנען אליין זיך פארצערן...

און ווערן אין הארצן דערווידער
די שטיקלאך וואָס זינגט זיך א מידער;
און לידלאך א טייל וואָס גאָר בלאנקען,
וואָס שפּיגעלט די נשמה פון קראנקען —
נאָר דאָס גאָר אליין איך וועל זינגען
עס דארף ניט פאר קיינעם אָפּקלינגען...

דאָס לעבן אַ קייט

דאָס לעבן אַ קייט
עס שמידעט זיך אויס;
אַ רינגל איז קליין,
אַ רינגל איז גרויס.

אַ רינגל געפעלט
און צירט דיר דיין הארץ;
אַ רינגל דו פּוצט
און בלייבט דיר אַלץ שוואַרץ.

אַ רינגל אהער,
אַ רינגל אהין;
איינס האַרט איז ווי שטאָל,
איינס בויגט זיך ווי צין.

די קייט אַף אונז הענגט
פּילזייטיק געדרייט;
עס איז אַזוי שווער
צו טראָגן די קייט.

ניט אַליין בין איך —

ניט אַליין בין איך,
ניט איין טאָן באַפעלט.
לייגט ער זיך אַ שקלאַף,
הויבט זיך אויף אַ העלד.

ווייטאָגט זיך און שווייגט,
בייסט זיך ליפּ און הענט ;
קרימט זיך דאָס געזיכט
פאַר די שטומע ווענט.

ערגערט זיך און פלוכט
ווי עס טרעפט אַמאָל :
שניידט אַ בליץ אין בליק,
ווי אַ דונער ס'קול

קאָכט זיך אויף דאָס בלוט
לויפט עס אום געשווינדט :
קרענקלאַך פונ'ם לאַסט,
זאָרגלאָז ווי אַ קינד.

ניט אַליין בין איך
אַ פאַר'חלום'טער שטיל ;
יעדער נערוו אין מיר
ציטערט אין געפיל.

האַנט אָן אויער שפּילט
מיט'ן קאַמערטאָן ;
ווערט מיין אייג'נע שטים
אינם קלאַנג פאַרטאָן.

פילט דאָס האַרץ אין טיף
ווי דאָס אויג אין ווייט ;
ווערט מיר איטלאַכס גליד
ווי אַ רינג אין קייט.

לויכט מיט פרילינג ס'האַרץ
זינגט זיך עס צום טאַנץ ;
קוקט מיין בליק ווי הערבסט
אָפּגעלעבטער גלאַנץ.

מאַכט זיך צו דאָס אויג
אינם טיפן טרוים ;
הויבט זיך אויף מיין ברעם
אָן אילוזיע קוים.

קייכט ס'געלעכטער, קייכט,
בויגט אין דרייען איין ;
שטעכט אין זייטן, שטעכט,
פּלאַצט אַזש ביז געוויין.

ניט אַליין בין איך,
דורך די בלוטן פליסט
וועקט זיך אויף דער קלאַנג,
רופט עס זאַלבענאַנד ;
און דאָס גוטע רופט
ווי אַ הייליגקייט —
דאַכט זיך אויס אַ גאָט —
וואוינט אין מיר אַ וועלט . . .

שאָטן מייגער

א

וויפל רייד איך קען ניט הערן,
וויפל בליקן כ׳זע ניט גערן
גיי איך ווייטער, בלייב ביז איינער
און באַגרים אין וועג די שטיינער. . .

גייט ווער נאָך, קומט ווער אַנטקעגן
שרעקט דער שמייכל אונטערוועגן ;
פעלט צו טרויען גיי איך ווייטער
איז מיין שאָטן אַ באַגלייטער . . .

ב

שאָטן מייגער אין באַגלייט
גייט אין טונקעל, גרויען קלייד :
טו איך נאָר דעם וועג פאַרבייטן
גייט דער שאָטן בא די זייטן .

בייט זיך שאָטן קליין און גרויס,
גייט נאָך הונטן, גייט פאַראויס
וויל זיך שאָטן גאָר אויסשפרייטן —
און איך ליב דעם וועג דעם ברייטן . . .

ג

שמאָלע וועגן, ענגע וועגן
גיי איך דורך די טעג !
לאָמיר שאָטן זיך נאָך פרעגן
אויף אַ נייעם וועג . . .

קרימען נאָך געשפּעט און פלוכן,
שטופּן אָפּ אין זייט ;
לאָמיר שאָטן ווייטער זוכן
טרעפן יענע ווייט.

ד

שאָטן מיינער, לאָמיר רוען
אויפן טונקל אָרט דעם שטילן ;
און דיין אנצוגל דעם גרויען
טו דיר דאָ אין זייט פאַרהילן.

„מיענעס" גריסן מיט די אויגן
שלום עלכים אָפּצוגעבן ;
האַלט איין האַנט דעם הוט געצויגן,
זוכט אַ צווייטע האַנט דערנעבן.

לאָמיר שאָטן דאָ זיך לייגן
זאָל אַביסל רו מיך קוויקן ;
און דיין גאַנצן גרויס ניט צייגן
פאַר די לויערנדיקע בליקן.

ח

שאַטן מייַנער, לאָמיר דרימלען,
יעדעס בייז וואָס וויל באַרירען,
יעדן בליק איך וועל דערשפּירן:
מיט דעם בלויען פון די הימלען
און אין דרימלען ליגן וויַיטן —
חוני־המגל׳ס טרוים פאַרציַיטן . . .

וועט די נאַכט אויך מיך ניט שרעקן,
מיטן שימער פון די שטערן
און דעם קימער פון באַגערן
וועט די ליבע זיך אַנטפּלעקן —
נייעם פרילינג כ׳וועל געפינען
וועל איך שפּרייזן צום באַגינען.

* * *

אַלץ וואָס איז פאַרטונקלט
אין געדאַנק פאַרבאָרגן;
ביסלאַכווייַז עס פינקלט
קלאָרט זיך אויס אין מאָרגן.

וואָס אין טיפע ווייען
נאָך ניט אויסגעטראָגן;
איינציקווייַז אויפגייען
וואָס האַרץ און זעל פאַרמאָגן.

שפּליטערן

א

טויזנטער בנינים מיט אַמאָל
האַלטן אין דער וועלט זיך אין בויען ;
טויזנטער געדאַנקען אין זינען
קומען ווי פאַרטאָגיקע טויען,

גרייט זיך אויף טאָג פריש געצוואָגן
אויך גאָר דער שפּראָץ פון די באַהעלטן ;
שאַפט זיך פון תהו-ובהו,
ווי פאַר מעשה-בראשית די וועלטן.

קלאָרט זיך די זעהונג באַגינען,
צייכנט ער אַנדערש די וועגן ;
לאָזט ער אין ווילדערנעש איבער
פלאַץ — פאַר די בייזע געיעגן . . .

ב

שיינט די זון אין איטלאַכן פענסטער
קינד און קייט פון טאָג-שיין געניסן ;
שיינט אויך די נאַכט אַן אויסגעפוצטע
און לאָזט מיט די שטערנדלאַך גריסן:

טויזנטער שטערנדלאַך אויבן,
טויזנטער פײערלאַך אונטן
הימל און ערד־אילומינאַציעס
נעמען זיך צינדן און פינקלען ;
דאַכט זיך ווי צווייערלײ זעלן
פּלאַטערן טיף מיט די סודות
טראַכטן אַרײַן אין די וואונדער
ביז די פאַרבאַרגנסטע ווינקלען...

טראַכט זיך די ערד פונם הימל,
טראַכטן די הויכן פון טיפן,
טראַכט זיך אויך אפשר דער שאָטן
וואָס איז דער שפּיגל פון וועזן ?
טראַכט זיך די מילב און דער העלפאַנט,
טראַכט זיך דעם מענטשנס נשמה,
טראַכט איך פון דאָס ניט דערטראַכטע
וואָס איז דאָס שווערסטע צו לעזן . . .

ג

גאָט — דאָס ניט דערטראַכטע
טראַכט זיך אין מײַן זעל,
טראַכט זיך אויך דאָס קלענסטע,
שאַפט די מילב איר צעל.

גאָט — דאָס ניט געשטאַלטע
מאָלט זיך אין געזיכט,
מאָלט זיך גאָט בײַ יעדן
אין אַנאַנדער ליכט . . .

גאָט — דאָס אַל־געגרויסטע
איז נאָר אינם זיין;
ווערט אויך אַפּט דער שאָטן
גרעסער ווי אַליין...

ד

פון דאָס אַל־באַשאַפענע
איז מיין גוף אַ טייל —
וועט אויך ווערן, וועט אויך זיין
אויך פון מיין געביין —
און אין ליד פון אייביגקייט
בין איך אויך אַ צייל —
וועט אויך ווערן, וועט אויך זיין
דאָס פאַרהוילטע אַליין...

ה

וועט זיך שפּינען אין געדאַנק
זעל און זעל;
וועט זיך לויטערן דער קלאַנג
העל צו העל.
וועט באַלויכטן יעדעס אָרט
וועג צו וועג;
וועט פאַרשפּרייטן זיך דאָס וואָרט
ברעג צו ברעג.
ווען בלאַנקען פייערווערק
בליץ און שטאָל!
וועלן שאַלן מיט די בערג
טאָל און טאָל.

גאָט — ניט גיסט זיך אין אַ פאָרם
און זיך בייט ;
צו גאָר וואַכט אַף וועלטס שפּיץ טאָרם
און היט די אייביגקייט.

גאָט — ניט יאָגט זיך אין געיעג
ברים און ברום ;
צי גאָר היט דעם שטעג און וועג
אין די וועלט אומעטום.

וועט זיך אַ יובלען אויסרופן !
איינס מיט די זעלן און גופ'ן :
ניט אין געבעט־הויז ביים הייליקן שראַנק
טיילט אַן ערלייזער גענאָד און געשאַנק.
ניט פאַרן ארון וואָס ס'פּרוכת פאַרהילט
דאַרף גאָט אַ פידל, אַן אָרגל וואָס שפּילט
לייכט גאָט אַ מנורה, ס'נר־תמיד וואָס ברענט,
צו פאַר געמעלן אַף פענסטער און ווענט.
האָט ווער צעוויינט זיך אין לויב וואָס ער זינגט,
שרעקט דאָס דער צלם, דער גלאָק אַזוי קלינגט.
האָט ווער זיך געהייליגט, דעם שטויב אָפּגעווישט,
שמעקט עס געווירצן מיט ווייַרויך געמישט.
מאַכט זיך ווער נידעריק און גאָט אַזוי קליין,
קניט און ער בוקט זיך צום אַלטאַר אַליין . . .
וועט זיך אַ יובלען אויסרופן !
איינס מיט די זעלן און גופים :
ניט דאָס געלייטערטע אין גלויבן זיך שמידט ;
ניט דאָס געגלויבטע דערהויבט גאָט אין ליד . . .

ז

אין לעצטען געבעט-הויז, האַלב וויסט שוין און קרום,
וועט ווער ווי אַ שאָטן אַרום גיין שטום
און פוצן ס׳נר-תמיד׳יקע ליכט;
ער וועט אויך אויספוצן די רעשטלאַך פון גלויבן,
פאַרזוכן דעם הייליקן וויין פון די טרויבן
און זויער פאַרקרימען ס׳געזיכט . . .

אין לעצטן געבעט-הויז, אַליין אויף אַ באַנק,
וועט עמיץ נאָך פוצן דעם צלם אויף בלאַנק
און ס׳הייליגקייט ווייזן דעם נאַר;
דערנאָך וועט ער קלינגען דעם גלאָק מען זאָל הערן —
און וועט אין זיין איינזאַמקייט די באַנק איבערקערן
און שמעקן צום ווייַרויך פאַר צער . . .

אין לעצטן געבעט — ביז אין הייליקן טאַנץ,
וועט ווער זיך נאָך פרואוון אָפּפאַרבן מיט גלאַנץ
און רופן מיט שפּילצייג אַ קינד —
אַ פּאַיאַץ! דאָס קינד וועט פון מאַמען דערהערן —
און וועט פון די קונצן און שפּילצייג מיד ווערן
און וואַרפן ווי שפּענדלאַך צום ווינט . . .

וועט זיך אַ יובלען אויסרופן!
איינס מיט די זעלן און גופן:
ניט דאָס געלייטערטע אין גלויבן זיך שמידט —
ניט דאָס פאַרבלענדעטע באַשיינט גאָט אין ליד . . .

ז

פריש ווי דער אנהויב פון פרילינג
וואס הויבט אן די זאמען צו שפירן,
ביז גאר אינגאנצן אין בליהען
וואס נעמט שוין מיט בלומען זיך צירן.

וועט זיך א נשמה דערהויבן
און לויטער דאס טונקעלע גרייכן;
קרעפטיק אזוי ווי דער פרילינג
וואס טראגט זיך איר פרוכטבארן צייכן . . .

וועלן פייערן א יום-טוב
בשותפות'דיקע קרעפטן:
מענטש און גאט און גאט און מענטש
אינאיינעם זיך באהעפטן . . .

ניט צום דינסט פון מענטש צו גאט,
ניט צום דינסט פון מענטש צו מענטש
וועט א פאן אויפשיינען;
וועט אפשפיגלען אות באות —
און פון פאן, א גרייז צום קינד
ווארט ביי ווארט וועט לייענען . . .

וועט זיך א יובלען אויסרופן!
איינס מיט די זעלן און גופ'ן:
ניט דאס געלייטערטע אין גלויבן זיך שמידט —
ניט דאס פארבלענדעטע באשיינט גאט אין ליד . . .

ח.

אינם מוזעאום פון דער צייט —
ווערט אַ לעצט־געבעט־הויז זיין,
נאָר די בעטער געמאַכט פון גיפּס
וועלן פאַר זייער אָפּגאָט שטיין;
וועט אַ הייליקער „הבליטיפּס"
אַלצדינג ווייזן צו די לייט.

וועט נאָכקרימען אַ געשפּעט
פון אַן אברם — תרח'ס צייט:
צו די פיס דעם אָפּגאָט פאַרלענט
טרעט זיין ווידערשפּעניקייט;
בינט ער גאָר זיין איינציג קינד
פאַר אַן אָפּפער און געבעט.

וועט אַ צויבערדיק געבאָט
פונם אַלטערטום אַרוים:
שמירט דער הייליקער אַ זאַלב
ווערט אַ שלאַנג אפילו גרוים;
שפּרינגט פון גאָלד אַרויס אַ קאַלב
און פון דגון*) ווערט אַ גאָט . . .

וועט זיך קייכן פאַר געוויין
ווי דער הייליקער פירט אַ קריג:
קנעט דאָס חיל אוים פון גיפּס,
קניט און בעט עס פאַר אַ זיג;
צאַרנט דערנאָך הבליטיפּס,
וואָס דער אָפּגאָט פאַלט אַליין . . .

*) דגון האָט געהייסן דער גאָט פון די פלישתים.

וועט זיך שמייכלען פונם בילד
וואָס ער ווייַזט עס אפענערהייט —
וועט ער ווייזן גאָר פאַרשטעלט :
אַלע הייליקייטן די לייט —
וועט זיך לאַכן אין דער וועלט :
דער הייליקער אין מוזעאום שפּילט . . .

וועט זיך אַ יובלען אויסרופן !
איינם מיט די זעלן און גופ'ן :
ניט דאָס געלייטערטע אין גלויבן זיך שמידט —
ניט דאָס פאַרהייליקטע באַשיינט גאָט אין ליד . .

תפילות

אייערע תפילות
אויסגערויכערטע ליגן פאַר מיר —
ווי אויסגעברענטע שיימעס,
וואָס האָט אַמאָל הייליק געשיינט —
קוקט עס אוים שוואַרץ,
ווי שוואַרצע פּאַטשיילעס
אויף די קעפּ פון מאַנאַשקעס —
זאָל זיי, די זון ניט אָפּברענען
פאַר זייערע זינד —
יעדער הויך פון ווינט
קען עס צעטראָגן
וואָס אויפן צונג —
איך וועל ניט נאָכזאָגן די תפילות:
וואַלגערן זיך דען, אַזוי פיל געטער ?
אין שטויב —
וואוהין דער ווינט, קען אין אַשעם צעבלאָזן
אייערע תפילות . . .

אומרו

1

מיטן אומרו פון מיין האַרץ
שפּינט מיין דמיון טאָג און נאַכט ;
וועבט זיך אוים מיין לעבנס-טרוים,
דאַכט זיך אוים אַ טייך אין שטראָם ;
לויפט און פרעפלט אין זיין וועג,
שרומפּט ער איין אַמאָל אין קעלט.
איז אונטערן אייז-דעק צו דעם פרילינג בעט —
ביז ער כאַפּט זיך אויף פון ווינטערדיקן שלאָף
און שווינקט אַראָפּ זיין ווינטער דעק,
שווינקט מיט די פוילע בלעטלאך פון די בוימלאך פון זיין
ברעג,
נעמט מיט די דאַרע צווייגלאך, רייניגט זיי אָוועק
און אַ ריין קריסטאַלענער פרעפלט ער זיין ליד . . .

מיין אומרואיק האַרץ שווימט מיט נאָך זיין שטראָם —
און פרישט מיין לייב און מיין נשמה ריין —
און אויג אויף זיך שפּיגלט ס׳פויגעלע ביים ברעג
און וואַשט זיין קאָפּ, זיין שנעבעלע זיך טונקט און טונקט
און טרינקט זיך אָן
צולאָזט דערפאַר זיין קול׳כעלע ווי אַ לויב געזאַנג,
פון בוימעלע, צו בוימעלע דאָס פויגעלע שפּרינגט
און זינגט זיין פרייע ליד —
מיין אומרואיק האַרץ האָרכט און בייַנקט און וועבט זיין
טרוים . . .
אַמאָל דאָס ווינטל שושקעט איין דעם בוימעלע אַ סוד :
ס׳האָט ווער געפאַנגען ס׳פויגעלע אין שטייג,
עס שפּרינגט ווי אין וואַנזין אַרום און בייַנקענדיק פאַרגייט—
מיין אומרואיק האַרץ שרעקט ;

צעפאַלט ווי שפינוועב זיך דער טרוים —
און איך שרעק זיך פאַר דעם טייך :
וואָס פאַרעט אוים אין היץ,
נאָר ס׳ווינטל כאַפּט עס אויף און וואָלקנדלאָך ס׳פאַרשפּרייט;
יאָגט זיי דער שטורם אין ים, שוימט זיי דער ים אַרוים צום
ברעג
און דער טייך פאַרפּלט פריש אויפסניי . . .

2

מיין אומרואיקער בליק :
לאָזט מיילן מיטן פינטל פונם אויג אַוועק —
כאַפּט אויף דעם שטערן וואָס גיט אַ פינקל פאַרביי —
און זעט אין וואָלקנס אויסזען מיין געמיט —
און פון דעם שטורעמס וואָיען וועבט מיין האַרץ אַ ליד —
און פון דעם דונערס קראַכן ווי אַן איראָניע זיך צעשפּילט :
דער בליץ צעשנייט דעם הימל ווי דער מענטש די ערד
אין קריג —
און באַלד דער גאַנצער הימל לאַכט אָפּ פון דעם מענטש.
פאַרמעסט ער זיך צום ים און פּרוּווט צוטיילן ווי ד׳ ערד —
צעשפּילט ער זיך מיט זיינע כוואַליעס און הויבט זיי ווי די
קברים אויף
און שלאָגט אַ ברוגזנדער אָפּ צום ברעג,
עס שפּייט אַ וואולקאַן אוים זיין לאַווע פלום אויף אונזער ערד
און אונטערן רויך און פלאַם פון קראַטער ר׳גיסט אַ מדבר
אוים ;
פאַרשלינגט אַ וויסטעניש די טרערן, ליידן שמידן זיך אין
שטאָל
און אָדערן נעמען פליסן לאַווע, אויגן צינדן זיך פון פלאַם
און ווי אַ מדבר זון עס גליט מיין האַרץ וואָס שמיט מיין ליד.

אומרו

לויפט אַן אומרו אום אין האַרץ
גייט עס טאָג און נאַכט ;
קלאַפּט דער פּולס פאַרשידן-אַרט,
גייט עס פלינק און זאַכט.

גיט אַ שפּראַץ אויף אַ געדאַנק
און פאַנאַנדערבליט,
באַלד דער אומרו פון מיין האַרץ
ווי אַ סטרונע ציט . . .

שפּיגלט זיך דאָס לויטערע
ריטמיש אין זיין גאַנג,
גייט דאָס האַרץ און קלאַפּט דאָס האַרץ
מיט אַ פרייד און קלאַנג . . .

טראָגט זיך ווען אַ טריב-געדאַנק,
ציט זיך ווי פון פעך ;
גיט אַ לויף אַדורך אַ גרויל
קלאַפּט דער אומרו גיך . . .

גייט דאָס האַרץ און קלאַפּט דאָס האַרץ,
גייט אויף טריב און העל ;
און מיין אומרו זיך באַהעפט
מיט געדאַנק און זעל . . .

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
גלייך און קרום אַהין, אַהער
גייט דאָ ס'לעבן גרינג און שווער
ביז אין ווילדן יאַכט-געיעג —
שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ,
ווערט אַ ווילד צעלאָזן-קינד,
ווערט אַ שפּענדל פאַר דעם ווינט —
און דאָס לעבן איילט אין וועג . . .

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —
וויפל ראַנגען האָט די וועלט ?
וויפל זאַכן דיר געפעלט ?
ווילסט אַלץ נעמען מיט אַמאָל —
מישן דאגות זיך אין קאָפּ :
ניט פאַרזאַמען טאָרסט די צייט,
ווערסטו מיד — טאָ גיי אין זייט —
און עס בלייבט פאַר דיר דער טאָל . . .

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —
ביז אין הימל שאַלט די פרייד,
ביז אין אָפּגרונט שפּאַרט די לייד,
וויפל אַרטיג איז דער ציל ?
רעכן צו און רעכן אָפּ
מיטן פינטל פונם אויג,
מיט אַ קער און מיט אַ בויג
און דיין וועט פאַרלירסט אין שפּיל . . .

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —
ציט ס'וואָנזיניגקייט זיך מיט ;
קלאַפּן הערצער לויט די טריט,
שרעקט דער קנאַפּעל קליין און גרויס —
נו, נו, גיכער אין גאַלאָפּ
מיט אַ קערענדל רום און שטאָלץ,
מיט אַ בינטל שפּאָן און האָלץ,
טרעט איין וועגס אָפּ אין דולהויז . . .

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ —
מעסט שוין אוים א יעדן שפּאַן ?
וויפל „אויטעס" איז פאַראַן ?
רעכן וויפל ס'קען אַריין —
קום מיין קינד און שטעל זיך אָפּ,
שטעל זיך אָפּ און קוק זיך אום ,
זע דאָס האָוועניש אַרום —
קום פון דאַנען לאָמיר גיין . . .

אױף די װעגן

אױף די װעגן לױערן געפּאַרן
און זײ שפּאַרן אין די טראָטואַרן;
פּאָרן אָטאָמאָבילן װעגן,
װי די טײַװואָלים אין געיעגן
און זײ אײַלן דעם טױט אַנטקעגן . . .

אױף די װעגן הױערן און לױערן
און באַטרױערן און באַדױערן;
יאָגן װעגן װי פּײַל און בױגן
פאַר די אױגן, הינטער די אױגן,
האַלט ס׳געיעג דעם טױט פאַרצױגן . . .

אױף די װעגן לױערן באַטרױערן
צוהאָדערן און פאַרשלײַדערן;
װאַשן װעגן אױף די גרױלן
קערן װעגן אױף די פאַרפױלן
טאַנצט דער טױט אַרום פאַרהױלן . . .

וואָס גייט הינטער מיר

זע איך ניט, וואָס גייט הינטער מיר,
פיל איך, אַז עפּעס שפּרייזט מיר נאָך,
שפּיזט מיר נאָך אַ בייז אויג,
שפּעט מיר נאָך אַ צונג ;
עגבערט אַ שרעק פון הינטן אַרום,
דאַכט זיך אַ מאָנסטער
וויל זיך אַרויפוואַרפן אויף מיר
און מיך אינגאַנצן צוטרעטן —
דריי איך זיך אוים,
דרייט זיך הינטער מיר דער שרעק
פונם אַרומיקן הו־האַ,
אינם שדים געיעג —
רייסט זיך אוים אַ פלוך צום מאָנסטער,
וואָס יאָגט פון אַלע זייטן,
וואָס שרעקט מיר נאָך פון הינטן . . .

זע איך ניט, וואָס גייט הינטער מיר,
נאַרט מיך ווער הינטער מיינע פּלייצעס —
פיל איך עפּעס ווי שפּילקעס
שטעכן דורך מיין רוקן־ביין
ביז די זיבעטע ריפּ —
דריי איך זיך אוים,
טרעפן די שפּילקעס
גלייך אין האַרץ
אינם טרוס,
וואָס צילט מיר נאָך פון הינטן . . .

גראַשנדיקע נשמות

גראַשנדיקע נשמה׳לאך
פליען און פלאַטערן ארום,
שוויבלען און גריבלען אומעטום ;
האָבן זיי אויסגעפוצט זייערע פעדערן
גלענצן אַלערליי קאָלירן :
שרייען זיי, ליאַרמען זיי
זיינען ס׳ליכט פון טאָג —
און ביינאַכט ווי די גלי־ווערימלאך
זשומען זייערע פליגל :
זיינען דאָס שיינדל,
זיינען דער שפיגל פון דער וועלט . . .

גראַשנדיקע נשמה׳לאך
האָבן גאָט פאַר זייער שומר זיך גענומען,
שאָרן צו זייערע פליגל
יעדעס פאַרדינסטל
און פאַרדעקן מיט אַ לויב —
האָבן זיי גאָט ערנידעריקט,
האָבן זיי גאָט, מיט די גענאַרטע
געבעט־הייזער געשאָנקען,
מיט גאָלדענע און בראָנזענע קופּאָלן אויסגעפוצט ;
טראָגן זיך זייערע קליינלאַכע געבעטן
ביז די שפּיצן קוים דערגרייכן ;
הוזשען זייערע פליגל
שוויבלען און גריבלען,
צאָלן און ציילן
די רעשט און חלקים׳לאך
מיט קליינלאַכע געבעטן . . .

גראַשנדיקע נשמה׳לאך
שרייען ביז אין הימל אריין,
ביז הייזעריגקייט,
ציען זיך זייערע נערוון אויס — ביז וואַנזין;
זוכן זיי — רו,
נעמען זיך פאַר׳שכור׳ן
און אין קאַרטן־הייזלאך צו פאַרווײלן,
מישן זיי די קאַרטן אויף,
מישן און בלעטערן
ווי אַ תהילימ׳ל,
ווי אַ געבעט־בוך
ציט עס זיי ווי צום חצות אַפּריכטן —
צאָלן און ציילן
ביי יעדן בלעטל
אָפן און בלינד —
דינען זיי, לויבן זיי
דאָס קאַרטן ספר׳ל
פאַר דעם גרעסטן ספר אין דער וועלט . . .

זיי גייען
(נאָך די נביאים)

זיי גייען,
זיי גייען אַרום מיט וואַכנדיקע נשמות
אין יום־טוב׳דיקע קליידער ;
מיט אויסערלאַכן גלאַנץ
און אינערלאַכן קויט,
ריכט זיך אײן דאָס קלייד
האָט עס קיין באַטרעף,
טוט זיך איבער דער גוף
אין סאַמעט, אין זייד ;
שפּיגלט אַראָפּ,
בליאַסקעט און פינקלט
אַנשטאָט פון דער נשמה
שימערן גלידער :
בריליאַנטענע פינגער,
צירנדיקע ברוסטן,
פּערלנע העלדזער
דימאַנטענע לעפלאַך,
שפּילן זיך די וואַכעדיקע נשמות
אין קייטלאַך, מעדאַליאָנען,
צירן זיי זיך
אין שיין פון די עדל־שטיינער ,
שיינען זיי מיט פרעמדנשיין ;
הילן זיך די איינגעריכטע נשמות
אין אויסגעפּוצטע קליידער.
הילן זיך אין פרעמדן היל —
בלענט דאָס אויסערלאַכע בלענט
אַלץ און אַלצדינג —
נאָר ניט די נשמה דערקענסט.

פ. גודמאַן

די אָפּשפּיגלונג

די אָפּשפּיגלונג פון שטאָט
האָט זיך צום אַלעם העכסטן געצייגט —
און ביזן הימל זיך דערהויבן ;
האָט זי שטאָל און אייזן געפּאַרעמט
און שטיין און ציגל געטאַרעמט
מיט בראָנז און קופּער געשמיט —
האָט דער הימל ביים ראַנד
ביים זון פאַרגאַנג פאָטאָגראַפירט :
האָבן זיך די העכסטע פאַבריקן-קוימען,
מיט די העכסטע טורם-שפּיצן,
ביים ראַנד אָפּגעשפּיגלט ;
און אין מיטן,
און ביי די זייטן
האָבן זיך גלאָקן מיט צלמים
אויסגעמישט מיט מגן-דוד׳ס ;
און אַלערליי קופּאָלן
מיט בליץ אָפּלייטערס —
האָבן אַלע צוזאַמען אָפּגעשלאָגן :
אַלערליי קאָלירן ;
האָט זיך וואָס אָפּגעמאָלן —
האָט זיך אויסגעדאַכט :
עפּעס אַ מאָנסטער,
אַ משונה׳דיקע חיה
האָט געשוועבט אַזוי
און געקראָכן
אין דער פינסטערניש אריין —
און געשראָקן
ביים זון פאַרגאַנג
פון דער שטאָט . . .

איך האָב זיך פאַרטראַכט

איך האָב זיך פאַרטראַכט,
אַט אַזוי איך ליב :
צו פאַרגעסן זיך ;
ווערט מיר גרינג אַ ווייל
אָן אַ זאָרג און לאַסט ;
פיל איך ווי אַ קינד
וואָס פאַרגאַפּט זיך נאָך,
מעג עס זיין אָן זין —
גייט דען ניט מיין וועלט ?
פון דעם זין אַראָפּ,
גייט נאָך צום וואַנזין . . .
איך האָב זיך פאַרקוקט,
זאָל זיך קוקן ס'אויג
אָן אַ מינדסטן ציל —
זאָל זיך מיין געדאַנק
פּלאָנטערן אָן זין —
אַט אַזוי, אַזוי

— — — — — — — — — — — — —

לויפט אין האַרץ אַ גרויל,
קלאַפּט ער אָן די ציין,
ציטערט אויף מיין ברעם
און די האָר פון קאָפּ
פאַר מיין וועלטס אומזין . . .

איך האָב זיך פאַרגעסן

איך האָב זיך פאַרגעסן
און ווער פאַרגעסט זיך ניט ?
אָן די קליינינקייטן —
פּרואוו איך מיך דערמאָנען,
אָה — טוט מיר גאָר ניט באַנג —
מעגט איר מיך אָפּשפּאָטן,
מעגט איר מיך אויסלאַכן :
רופט עס „גרויסקייטן" —
הויבט ניט אָן מיך אָרן,
דען וואָס ביי אייך איז גרויס
קוקט אוים אַזוי קליין —
איך האָב זיך פאַרגעסן,
עס טוט מיר גאָר ניט באַנג —
און וואָס ביי אייך איז קליין
גייט מיר ניט פון זינען,
קלאַפּט עס מיט מיין האַרץ־קלאַפּ —
נו, איר מעגט זיך פּרואוון :
נעמט אַוועק ד'האַנט פון האַרץ —
ס'קלאַפּט דאָך מיט אייער קליינקייט
אוי, איר וועט זיך שעמען
וואָס איר האָט אייער גרויסקייט —
מבזה געמאַכט אליין . . .

פאַר אַ שטונדע רו

פאַר אַ שטונדע רו
צאָלט מיר אָפּ מיט לוין:
קלייבט זיך מיין געדאַנק
ווי פון רויען שטאָף,
טיילט דאָס פּסולת אָפּ,
מאַכט פון שעטנז ריין
ביז ער שפּינט עס אויס
און דערנאָך ער וועבט
פאַר מיין זעל אַ קלייד —
קליידט מיר מיין געדאַנק
יועקט ער אויף אַ פרייד
זינגט ער אין מיין האַרץ;
באַוועל, וואָל און זייד
וועבסטו פאַר דעם גוף,
פאַר אַ שטונדע רו
וועב איך פאַר דיין זעל —
בייַנקט אַזוי מיין האַרץ
אוי ווי נעמט מען צייט . . .

פ. גודמאַן

זיבן טעמעס

זיבן טעמעס מיט אַמאָל
האָבן זיך ווי פונקען צוגליט ;
און פונק נאָך פונק האָט זיך צעשפּריצט
און אויפגעבליצט ;
און זיך צעטראָגן
דאָ און דאָרט,
יעדער פונק און גלי,
ווי ער וואָלט קיין אָרט ניט געפונען
האָט זיך געריסן
און געשפּאַרט
מיטן אומרו פון מיין האַרץ —

זיבן טעמעס מיט אַמאָל
האָבן אַ בלישטשע געטאָן ;
און יעדער געדאַנק
באַהאַפּטן צו זיין טייל,
האָט זיך געלייטערט,
האָט זיך געפּאַרעמט,
און זיך געקייקלט
ווי פון אַ באַרג אַראָפּ ;
און אונטער מיין מידן קאָפּ,
ווי שווערע שטיינער זיך געלייגט,
ווי אונטער יעקב׳ס קאָפּ די שטיינער
וואָס האָבן זיך געקריגט :
יעדער שטיין האָט געוואָלט דער ערשטער זיין
זיין קאָפּ אונטערצושפּאַרן,
אַזוי האָט יעדער געדאַנק
אין געאייל געפּרעסט :

וואָס פריערער אין פאָרם אים פאַרעמען
איך זאָל —
האָבן זיך נאַכט חלומות
אַ גאַנצע נאַכט
אין בילדער געשטאַלטעט,
ביז אין דער פרי
איז פון אַלע זיבן —
קיין איינציק בילד געבליבן . . .

טראַכטענישן

שלאָפלאָזע טראַכטענישן
שפּאַרן ווי פון קוואַלן,
שײַפּן זיך אָן,
גיסן זיך איבער,
עמערווייז.
טראָגן די טראַכטענישן אוועק,
צי'ען זיך מיילן ווייט,
הויבן זיך אויף
לאָזן זיך אַראָפּ
פאַלן ביז אַ מידקייט באַפאַלט ;
פּלאָנטערט אַלץ זיך נעבלדיק,
שוועבט אַלץ וואָס גרויער
ביזן דעמערונג,
מישט אַלץ אוים וואָס טונקעלער
ביזן נאַכטיקן אָפּגרונט —
רייסן זיך איבער די רעיונות
ווי שפּינוועב,
בלייבן אינם שפּעטן שלאָף קלעפּן,
ביז פאַרלירט דער געדאַנק

ביז פּאַרציט אַ לערקייט —
צערינט אַלץ,
ווי אַ חלום
אויסן זינען אַרויס —
בלייבט בלויז איבער אַ בײנקשאַפט
פון אַלע טראַכטעניש . . .

גוט אַזוי

גוט אַזוי — דרייט זיך דאָס לעבן ווי אַ „מואווי“,
דרייט זיך דער מוח ווי אַ מואווי
איינס אינאַנדערן אַריין
אויסגעמישט,
ווי פון אַ פּלאָנטער אַרויס
צוזאַמען געקניפּט —
ציט זיך דאָס בלוט אין די אָדערן
אַזוי ווי שלענגלאַך,
אַזוי ווי באַן רעלסן,
שלאָגט עס אָפּ ביז אין די שלייפן
ווי קלאַפּער שלאַנגען —
זידט הייסער דאָס בלוט
בלאָזן זיי אַזוי מיט זייערע פּיסקלאַך,
פלאַמען אַזש אונטער די באַקן —
דרייט זיך אַזוי די מואווי,
ראַיעט זיך אַזוי אין מוח
איינס אויפן אַנדערן ווי מיסט שלענגלאַך —
וויל איך זיין אַזוי שטיל,
אַזוי שאַ,
ווי אין זיבעטן רו פון גאָטס היכל,
איך זאָל גאָרניט הערן,

איך זאָל גאָרניט פילן,
ראַיעט זיך אַלץ אין מוח
פון אַזוי פיל אַפּהילכן —
פאַרמאַך איך אַזוי די אויגן,
כ'זאָל קיין האָר־שיין ניט זען אַרום,
ווי אין זיבעטן מאָל שוין אין שלאָף זיך פאַרדרייט —
פעלט מיר גאָר ניט מיין אייגן ביסל שיין,
שטערט מיר גאָרניט
צו זען דעם אָפּשיין פון די מואווי —
רוישט אַזוי דער מוח,
ווי אַ „סאַבוויי־באַן",
וואָס שפּרייזט דורך פּופּציק גאַסן מיט אַמאָל,
וואָס שלינגט איין מײלן אין איין אָטעם,
סאָפּעט ער אַזוי מיט זיינע שטאָלענע לינגען,
שטעלט אָפּ אַ ווייל דאָס גערויש און געבראַזגע
און יאָגט ווייטער —
קלאַפּט דאָס האַרץ מיטן אימפּעט
און רייסט זיך פון אונטערערדישקייטן אַרויס,
אויף דער ערד,
אין מיטן,
צווישן הימל און ערד ;
הוזשעט אַזוי דער מוח
ווי אַן עראָפּלאַן,
וואָס שטרעקט שוין דעם קאָפּ אַרויס איבער די פליגל
וואָס הייבט זיך אַריבער די לעצטע לופטשיכטן
פאַר אַ ווייטערן שפּאַן —
און אפשר אין די לערקייט אַריין —
שפּאַרט אַזוי דאָס לעבן איינס אינאַנדערן
איז געדראַנג.

אין אַנגסט,
אין איין אָטעם —
דרייט זיך אַזוי די האַסטיקע מוֹאווי פון לעבן,
ראַיעט זיך אַזוי אין מוח . . .

באַרג אַרויפצו

באַרג אַרויפצו. שטייג איך שיעפּאוים באַרג,
שרעקט מיך מיטן שטייגן דאָס פאַלן:
וואו וועל איך געפינען זיך?
צו מיטן פּנים באַרג אריין
און מיטן רוקן באַרג אַרוים
בלויז אין שוים פון באַרג.
ווערן בלויז אַ טרעפּ פון באַרג,
וועלן אַנדערע אויף מיר קלעטערן,
אויף מיין רוקן טרעטן —

באַרג אַרויפצו. שטייג איך נאָענט פון באַרג,
גענען איך שפּיץ באַרג:
שרעקט מיך אין מיטן שטייגן,
גרוילט מיך ביזן דערגרייכן —
איז שוין בעסער צו פאַלן
נאָכן דערגרייכן,
צוריק-וועג,
באַרג אַראָפּ,
מיט די פיס אין דער הויך —
ווייל אויך נישט אייביק איז דער באַרג . . .

שפּראָצונג

נעכט, נאָך טעג געבייַנקט,
טעג, נאָך נעכט געבייַנקט ;
פּיַין וואָס קוועלט מייַן ליד,
ליד וואָס זינגט מייַן פּיַין —
זינג איך אין די נעכט,
בייַנק איך אין די נעכט
און נאָך יעדן טאָג
אויף אַ נייעם טאָג ;
און נאָך יעדן ליד
אויף אַ נייע ליד,
שרעקט דאָס לעצטע ליד
ווי דער לעצטער טאָג —
לאָז איך אין געדאַנק
איבער נאָך אַ קלאַנג
פאַר אַ אָנהויב ליד
ווערט דער אָנהויב-שפּור
ווי אַ זאָמען-זייַ,
נערט זיך וואָס און רוט,
עפּעס וואָס זיך פלאַנצט
ביז דער שפּראָץ גייט אויף ;
טראַכט איך ניט פון ענד,
קלער איך ניט פון אויסלאָז
און דער אויסלאָז שרעקט
ווי די לעצטע שעה —
ווערט דער אָנהויב ליב,
מיטן נייעם שפּראָץ,
זינג איך אין די נעכט,

ביינק איך אין די נעכט,
רוט זיך אוים מיין גוף,
רוט זיך אוים מיין זעל
פאַר אַ נייעם טאָג,
פאַר אַ נייע ליד.

יעדעס ליכטשיין

יעדעס ליכטשיין,
יעדעס פּאַס-ליכט
איז אַ טויזנט פאַרבן-שפּיל
פאַר מיין אויג,
בלענדט דאָס געשטראַל
שימערירט
וויברירט
איך זע דערין אַ זון,
אַ וועלט —
שפּילט זיך דער שיין מיטן בליק:
פלאַטערט אין גאָלד געוועב,
שפּרייט זיך דאָס געהיל
פאַנטאַסטיש, ווי אַ טרוים —
בייט זיך די פאַרב
וואונדערלאַך, ווי אַ גאָט —
יעדעס ליכט-שיין אין דער נאַכט,
יעדעס פּאַס-ליכט אין דער פינסטער
לויכט אין מיין זעל —
ליכטיקער מיין וועלט . . .

פאָלקס מאָטיוון

אַ קראַנץ לידעלאַך

די מאמע

(פאלקסמאטיוו)

עס קרעכצט זיך די מאמע
אוי ווינד איז מיר ווי,
דער „ווארים" ער ציט מיר
ער ציט מיר דאס קליי.

זי זייגט עס, זי נערט עס
מיט גאל און מיט פיין —
דאס עופה'לע נעבאך
איר וויטאג זויגט איין.

און וויינענדיק וויגט עס
די מאמע אין שוים,
די נאכט אזוי גרויזאם
די נאכט אזוי גרוים . . .

פאָלקסמאָטיוו

כ'ליב אַ שיינע מיידעלע
פון אַ פיינעם שטאַנד,
איך דערצייל עס קיינעם ניט
ביז איך קריג איר האַנט.

כ'טרוי דעם סוד קיין אַנדערן,
שטיל אין האַרץ ער בלייבט,
טאָג און נאַכט איך טרוים פון איר
און מיר ציט און טרייבט . . .

אין דעם קליינעם געסעלע,
וואו איר הייזל שטייט;
הין, צוריק שפּאַציר איך דאָרט
אין מיין פרייער צייט.

זע איך נאָר דאָס מיידעלע,
קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר,
שעמעוודיג גיי איך פאַרביי
טראַכט און טראַכט פון איר.

פאָלקסמאָטיוו

מאַמעשי, באַוויין מיך ניט,
טאַטעשי, ניט שריי —
כ׳טו להכעיס קיינעם ניט,
ס׳העלפט קיין זאַך דערביי ;

אַז מיין האַרץ ליבט פאַרט נאָר אים,
אוי, וואָס קען איך טאָן ;
צווינגט מיך צו קיין אַנדערן,
מיין האַרץ שטייט אין קאָן . . .

מאַמעשי, מיין ליבינקע,
מאַך מיין האַרץ ניט טריב —
נאָר ער מיין באַשערטער איז
קיינעם כ׳טו צוליב . . .

ריידן מעג דאָס שטעטעלע :
ר׳איז אַ „ציציליסט“ —
כ׳וויים שוין, גאָר, גאָר אומזיסט
איז זיין שם פאַר׳מיאוס׳ט . . .

ליבע מאטיוו

שיף איך זיך אין שיפעלע
מיט דער געליבטע מיין,
אין דעם זילבער טייכעלע
ביי דער לבנה־שיין.

אויבן פון דעם הימלס־ים
לייכט זי אונז און היט —
שווימט זיך אונזער שיפעלע
שיפט זי אויך זיך מיט.

שטערנדלאך פיל גאלדענע,
דימאנטענע א סך,
איבער אונז זיי סוד'ען זיך
אין דער הימלס שפראך.

פריילאך שלאגן ד'הערצער אונז
אין א שטילן כאר ;
אלעס ארום זינגט, אונז צו :
„עס שווימט א ליבעס־פאר".

צום גאַסט-געבאָט

(פאָלקס-מאָטיוו)

קומען געסט צום גאַסט - געבאָט
צו די חתן, כלה,
זאָגן זיי אויף חתונה
וועלן קומען אַלע.

גוטע פריינט און חבר'טעס
קושן זיך און גריסן,
זאָגן זיי פון חתונה
וועט מען אַלץ געניסן.

חתן, כלה'ס חופה זען
וועט זיין צו געדענקען,
איינוועגס באַ דער חתונה
מתנות וועט מען שענקען.

טאַנצן געסט צום גאַסט-געבאָט
שפּילן שוין און זינגען,
ווינשן שוין צו חתונה
מזל-טוב זאָל קלינגען.

אַז די חתן-כּלה —

(פאָלקס־מאָטיוו)

אַז די כּלה אויבן אָן
זיצט אין חופּה־קלייד ;
שפּילן די כּלי־זמרים,
טאַנצט אַרום די פרייד.

אַז דער חתן אויבן אָן
איז שוין אויכעט דאָ ;
שפּילן די כּלי־זמרים
פריילאַכער אַלץ צו.

אַז מען חתן־כּלה פירט,
צו דער חופּה גייט ;
קושן זיך מחותּנים
פרייען זיך די לייט.

אַז דאָס מצוה־טענצל טאַנצט
חתן, כּלה צו ;
ווינשט אַלץ צו זייער חתונה :
מזל'דיקע שעה.

„האָנימון"

אָפּגעשפּילט די חתונה,
נאָכ'ן מצוה טענצל;
נעמען חתן־כלה שוין
אויפ'ן וועג דאָס רענצל.

רייזן חתן־כלה אָפּ:
„האָנימון" און לעבן;
מחותנת'טעס, מחותנים
ברכות זיי מיטגעבן,

האָפּן חתן־כלה שוין:
„האָנימון" באַגעגענען;
נעמען זייערע ברכות מיט,
קושן זיך, געזעגענען.

טרעפן זייער „האָנימון"
חתן מיט די כלה;
לאָזן זיי זיך גאָר וואויל־גיין,
פרייען זיך מיט אַלע.

א פאַרשפּיל אַזאַ

שאַ ! זיי גייען .
חתן כלה גייען !
יום־טוב דיק איז ס׳הויז
גרייט צו עמפּפאַנגען —
האַלטן גרייט געשאַנקען
געסט און מחותנים,
ווי אַן אומגעריכטער גאַסט
רעגנט מיט מתנות ;
איז עס אַזאַ מאָדע,
איז עס אַזאַ פאַרשפּיל
פאַר די חתן־כלה
חתונה מתנות.

שאַ ! זיי קומען !
חתן כלה קומען !
גיט ווער אַ פאַרלעש,
גיט ווער אַ פאַרדריי
די עלעקטרישע לעמפּלאַך,
אַלע אין דער פינסטער
האַלטן אָנגעבלאָזענע
פּאַפּירענע טיטען
גרייט אויצוקנאַקן,
האַלט יעדער איין דעם אָטעם,
מיט אומגעריכטע פרייד
איבערראשן חתן־כלה ;
און די חתן־כלה
ביים עפענען די טיר
הילכט זיי אָנטקעגן

מזל־טוב ! מזל־טוב !
גיבן זיך אַ דערשרעק —
נאָר בלויז אַ רגע,
ביים שיין פון די לעמפּלאַך
קושן זיך און גריסן
מיט יעדן חתן־כלה.

זיצט אין מיטן שטוב די כלה,
זיצן אַלע אַרום די כלה
באַ אַ קויבער מיט מתנות,
רופט שוין אוים די כלה :
יעדנס נאָמען,
יעדנס מתנה —
און די חתן־כלה טאַנצן
זייער אומגעריכטע פרייד
אין די פאַרשפּיל נאַכט.

חופה־מאַרש

בחורים און מיידלאַך,
חתנים מיט כלות
זיינען פאַראוים געגאַנגען,
האָבן קרענץ בלומען געטראָגן ;
איינציקווייז, באַזונדער
האָבן זיי צוטיילט זיך,
מיידלאַך צו כלות,
בחורים צו חתנים
און זיך געשטעלט
אַףביידע זייטן וועג,
צו מאַכן אַ וואַרע
פאַר חתן כלה.

נאָכדעם איז אַ פּאָרל געגאַנגען,
די פרוי פונם פּאָרל,
וואָס שעצט טייער די כלה —
דער מאַן פונם פּאָרל
וואָס שעצט טייער דעם חתן —
האָבן ביידע מיט קרענץ בלומען
באַ דער חופה זיך געשטעלט,
צו מאַכן אַ ווארע
פאַר חתן און כלה.

נאָכדעם איז דער חתן געגאַנגען אין דער מיט,
מיט פאָטער און מוטער ביים זייט ;
מיט כלי־זמר געשפּיל,
מיט צימבל און פייקל באַגלייט,
ביז אונטער דער חופה דעם חתן געשטעלט,
האָט זיין הארץ אין דער שטיל פאַר פרייד מיט־
געשפּילט —
האָט דער חתן געשטראַלט
געשטראַלט פאַר די כלה.

נאָכדעם צוויי מיידלאַך זיינען געגאַנגען
מיט אַ קויבערל בלומען,
האָבן זיי ווי מיט מלאך׳עם הענטלאַך
אויסגעשפּרייט בלומען בלעטעלאַך
אויפן וועג פאַר די כלה
ביז אונטער דער חופה —
און געמאַכט אַ ווארע
פאַר די כלה.

נאָכדעם איז געגאַנגען די כלה באַקראַנצט
מיט פֿאָטער און מוטער געאַרעמט,
מיט געשפּיל און געזאַנג
די כלה געפֿירט —
האָט די כלה געשיינט
מיט'ן שלייער אויפֿן קאָפּ,
האָט די כלה געשטראַלט
פֿון אויבן אַראָפּ:
מיטן שלייער
מיט'ן חופּה-קלייד,
האָט אַ שלעפּ זיך נאָכגעשלעפּט,
האָט דער שלעפּ מיטגעשאַרט
די בלומען אויפֿן וועג —
האָט דער חופּה-מאַרש אָפּגעקלונגען
ביז אונטער דער חופּה:
כלה'ס פֿרייד,
חתן'ס פֿרייד,
אַלעמענס פֿרייד
און געמאַכט אַ וואַרע
פּאָר חתן און כלה.

אַ קראַנץ בלימעלאַך

ס'האָט אַמאָל אַ ליבעס-טרוים
עפּעס אין געהיים,
מיר פאַרשאַפט אַ בענקעניש
נאָך אַ ליבע היים.

עפּעס ווי אַ סוד — כ'האָב אים
ניט אויפן צונג געברייננגט —
און עס האָט מיין טייערע
שטילערהייט געביינקט.

עפּעס כ'האָב געקוקט אויף איר
שעמעוודיג פון זייט —
און זי האָט מיין ליבעס-טרוים
שעמעוודיג באַשיידט.

כ'האָב אַ שיין ליבעס-ליד
פון איר האַרץ געשמידט —
האָט איר האַרץ מיט ליבעס פרוכט,
מיר פאַרשענערט ס'ליד.

יעדעס קינד אַ בלימעלע
האָט פאַר מיר געבליט —
ווי ס'שוואַרצאַפּל פון דעם אויג
האָט זי זיי געהיט.

און געניאַנטשעט האָט זי זיי
און געוויגט אין שוים —

נאָר אַליין האָט זי געוועלקט
אין מיין אָרעם הויז.

יעצט, ווען ס'האָט מיין טייערע
אָנגעוואָרן איר גלאַנץ,
צירן איר די קינדערלאַך,
ווי אַ בלומען קראַנץ.

א קראַנץ לידלאַך

1

ווען דעם ערשטן שמיטצערל
מאַמע גיט דעם קינד;
און זיין אָנפאַנג שכל'ע
קוים אַ האָר עס שפינט...

גאַפט עס מיט די אויגעלאַך,
קוקט אויף מאַמע פרעמד;
און דאָס יונגע מוח'עלע
קיינעם נאָך דערקענט.

שפיצט עס אויף די אויערלאַך,
וועקט זיך וואָס אין גייסט;
און אַ דינינק שמייכעלע
ס'ערשטע מאָל באַווייזט.

כאַפט עס אויף די מאַמעלע
מיט אַזוי פיל פרייד;
און דערציילט פון שמייכעלע
ווי אַ וואונדערקייט...

2

קריגט דאָס קינד אַ ציינדעלע
באַלד די מאַמע וויים,
קלאַפּט עס מיט אַ לעפעלע,
שרייט עס אָן אָן בייז —

שפּירט אין ברוסט אַ שטאַכעלע,
טוט אַ לייכטן גרויל ;
לאָזט אַרוים דאָס קינדעלע
ס׳וואָרצעל פון דעם מויל.

ווייז אַקאָרשט דיין ציינדעלע
מלאכ׳ל מיין שיינס ;
שטעקט אַרוים דאָס צינגעלע
קונדסל מיין קליינס.

3

וויפל פרייד אין דעם קלינגט
מויל צו מיילעכל זינגט ;
מאַמע זינגט דעם קינד :
זאָג — מאַ־מאַ־מאַ —
זאָג — טאַ־טאַ־טאַ —
ס׳ערשטע וואָרט עס שפּינט.

ס'מוח'לע באַגרייפט,
ס'צינגעלע זיך שלייפט,
כאַפּט עס וואָרט און קלאַנג:
— מאַ־מאַ־מאַ —
— טאַ־טאַ־טאַ —
וועבט זיך קינדס געזאַנג . . .

קלינגט די מאַמעס קוש
ניט זאַט פון גענוס
ליפּ צו ליפּעלע ציט —
— מאַ־מאַ־מאַ —
— טאַ־טאַ־טאַ —
זינגט דאָס קינד זיין ליד . . .

4

הויבט דאָס קינד די פיסעלאַך,
שאַרט די ערשטע טריט;
לערנט עס מאַמע אָט אַזוי
גיי מיין קינד מיר מיט . . .

פאַל נאָר ניט מיין ציטערדיקס,
שיצט עס ווי מיט ווענט;
פאַלסטו קינד מיר פאַל נאָר בלויז
אין די מאַמעס הענט . . .

שרעקט דיך ניט מיין קינדעלע
פון די ערשטע טעג;
האָפּיי, הויב די פיסעלאַך
מאַמע היט דיין וועג . . .

5

ס׳איז מיין קינד עמפּפינדלאַך
לאַכט עס און עס וויינט ;
און אַ זון און רעגן
פון די אויגלאַך שיינט.

אויגנבליק עס פלאַטערט,
פון דער האַנט זיך רייסט ;
שמייכלט עס צו אַלע
הנ׳דעלאַך עס ווייזט.

ציט אין הערצעלע אַן
סטרונעלאַך ווי זייד —
דאַכט זיך ס׳ליד פון פרילינג
כ׳הער אין מאַמעס פרייד . . .

6

עס האָט אַ זיסן טרוים געהאַט
מיין ליבעס קינד ביינאַכט ;
עס האָבן זיינע ליפּעלאַך
געשמייכלט און געלאַכט.

האָט מילד אַרומגענומען מיך
און עפּעס וואָס גערעט —
און מיט די צאַרטע הענטעלאַך
מיך זאַנפט און ווייך געגלעט.

כ׳האָב שטיל זיין גאָלדן חלום׳ל
אין האַרץ ביי מיר געשפּינט —
געוועבט דערפון אַ לידעלע,
אַ שלאָף־ליד פאַר מיין קינד . . .

צו מיין קינד

דיין הילכענדיק געלעכטערל,
דיין קלינגענדיק געלעכטערל
לאָזט פלייטעלאַך און פידעלאַך
אויסשפּילן פון דער קעל ;
עס לאַכן דיינע אויגעלאַך,
עס לאַכט אין דיר דאָס הערצעלע,
עס לאַכט אַזוי דיין נשמה'לע
וואָס ברייננגט אַ פרייד מיין זעל.

דיין שרייענדיק געוויינעלע,
דיין יאָמערדיקעס פּיינעלע
לאָזט טרערנדלאַך און טרערנדלאַך
פאַר וואָלקנדלאַך און ווינט ;
עס ווייבען דיינע אויגעלאַך,
עס וויינט אין דיר דאָס הערצעלע,
עס וויינט אַזוי דיין נשמה'לע
וואָס מאַכט מיך טריב מיין קינד.

ב. גודמאַן

קינדער שטימעלאַך

הער איך קינד'ס געוויינען
פיל איך מיט זייער לייד ;
הער איך קינדס געלעכטער
לאַך איך מיט זייער פרייד ...

ליב איך קינדס געזאַנגען
וואָס באַרוישט מיין פיין
ליב איך קינדס געפּלוידער
זאָרגלאָז וויל איך זיין.

הער איך קינדס גערודער —
האַרציק מאַמע שרייט ;
שפּילט זיך קינדער, שפּילט זיך,
ווערט נאָר נים פאַרשייט ...

בלימעלאַך און מלחמה'לאַך

האַרציקע, נאַאיווע לידעלאַך
זינגען די קינדערלאַך מיר,
פילן די שטוב אָן מיט קול'עכלאַך,
פליסן צענויף אין איין שיר.

זינגען פון קליידעלאַך, שיכעלאַך,
צופּן די מאַמע ביים קלייד —
פאָלגט אַ געוויין, אַ געלעכטערל,
קלינגט — אַמאָל לייד, אַמאָל פרייד.

און ביי דער מאַמען דאָס פּיצעלע —
פּונקט ווי ס׳פאַרשטייט שוין אַ זאַך
רעדט זיך זים אונטערן צינגעלע,
אין אַן אייגן באַזונדערער שפּראַך.

שפּילן זיך ערגעץ וואו קינדערלאַך,
ווערן פון וואוילטאָג צולאָזט —
שפּילן ביי מיר זיך די קינדערלאַך,
פרעגן זיי בלויז וויפל ס׳קאָסט . . .

קוקן די קינדערשע אויגעלאַך
זשעדנע אויף איטליכע זאַך,
לאָזן זיך אוים אין חלומות׳לאַך
גוטע און שלעכטע אַ סך . . .

שפּילן זיך ד׳אָרימע קינדערלאַך
לאָזן אַוועק זיך אין טאַנץ,
נעמען אַרום זייער מאַמעשי
פּונקט ווי פון בלומען אַ קראַנץ . . .

שפּרינגען אַרום ווי די פויגעלאַך,
ווערט שוין דאָס שטיבל פאַראיינגט,
ציען די קינדערשע הערצעלאַך
קוקן אין דרויסן פאַרביינקט . . .

קינדערלאַך, בלימעלאַך, פויגעלאַך
האָבן זייערע איינפעלע און בליק —
מאַכן זיך אַלערליי דריידעלאַך,
מאַכן פון פּאַפּיר זיך אַ בריק . . .

בויען זיך טורעמס פון קלעצעלאַך,
שפּאַנען אַ שטרוי צו אַ פליג,
זעצן אויפן טורעם אַ קיסרל —
מאַכן אַ שפּיל פון אַ קריג . . .

רייצן דאָס הינטל אויפן קעצעלע
יאָגן די טויב פונם שלאָג,
נעמען זיך שלאָגן איינס ס׳אַנדערע
ווערט אַ געוויין אַ געקלאָג.

„מלחמה׳לאַך" — שטראָפט זיי די מאַמעניו —
הויבן זיך אָן פון אַ צופּ" —
ווייזן זיך קינדערשע טרערעלאַך,
תרוצים׳לאַך גרייט אויף דער ליפּ :

„ס׳הינטעלע געיאָגט האָט דאָס קעצעלע,
מאַמעניו, ס׳טייבעלע פעלט" —
מאַמעניו טרייסט זיי די קינדערלאַך :
ס׳טייבעלע פליט אין דער וועלט.

קומען צופליען וועט טייבעלע,
קינדערלאַך, קינדערלאַך, שטיל —
„מלחמה׳לאַך, מיאוסע מלחמה׳לאַך
הרג׳ענען קינדערלאַך פיל".

שלום טוט מאַכן די מאַמעלע,
מיש איך זיך גאָרניט אריין —
זינג איך אַ לויב פאַר די מאַמעניו,
שלום געהער איר אַליין . . .

מעשה׳לאך און לידלאך

פיר ציַיטן רעגן

1

דער פֿרילינגדיקער רעגן,
איז ווי אַ כּלה-געוויין
פֿאַר דער חופּה,
פֿאַר פֿרייד
פֿאַרן בליִונג ;
גריסט די זון
הימל און ערד,
דערלאַנגט אַ שימער
מיט אַ זון שטראַלן-טיכל,
נעמען בײדע אָן, ווי חתן כּלה,
ווישן זייערע אויגן אָפּ
פֿון טרערן און פֿרייד —
ווינטשט זיי די זון
דאָס בליִען זאָל געראָטן
נאָכן פֿרילינגדיקן רעגן.

2

דער זומערדיקער רעגן,
איז ווי אַ קינדס געוויין
קאַפּריזנעדיק
זיך צושרייט ,
דונערט און בליצט,
נאָר באַלד ליַיטערט זיך אויס,
וויינט און לאַכט ;
דווינזשעט ניט דער הימל
אָפּצואווישן די אויגן,
שיינט שוין ווידער די זון,
ווי אַ קינדס לאַכנדיק פּנים
אינם זומערדיקן רעגן.

3

דער הערבסטיקער רעגן,
איז ווי אַ לויה געוויין
ציט זיך אַריין אין אבלות
אַ שבעה,
אַ שלשים,
קלאָגט אַזוי דער הימל ;
קוקט די זון ווי דורך אַ טריבן שלייער,
קומט זי ביסלאַכווייז שיינען,
ווי טרייסטן דעם טרויערער —
און לאָזט דעם טרויערער אויסטרויערן
אינם הערבסטיקן רעגן.

4

דער ווינטערדיקער רעגן,
איז אויך מיר אַ געוויין —
מאַכט זיך נאָס די אויגן
קאַלט !
בורר !
פאַלט אַ שניי,
פרירט עס איין,
אייז אַ גליטש,
פאַלט ווער ?
לאַכט מען,
ווי פון אַ קאַרגנס געוויין —
אינם ווינטערדיקן רעגן.

ערב פרילינג

הוילע בוימלאך
מיט ארומגעשוירענע צווייגלאך,
שטרעקן זיי אוים,
ווי מיט הענט
צום הימל,
צו דער זון
אנצואווארעמען
זייערע נאקעטע גלידער.
הוילע בוימלאך
אויסגעטאנענע פון אלע ווינטן,
אויסגעפרוירענע פון אלע קעלטן,
אויסגעווייקטע פון אלע רעגנס
ווערן גיט מיד,
ביינקען זיי,
ווארטן זיי,
ציען מיט איין אטעם
ריכטן זיך,
גרייטן זיך,
פארן בליהונג,
אנצוטאן זיך מיטן פרילינג.

א טראפן טוי

א טראפן טוי
האט פון דער פייכטקייט זיך אויפגעהויבן,
איז אויף א גרעזל געזעסן.

א טראָפּן רעגן
איז פון אַ וואָלקן אַראָפּגעפאַלן
האָט פון אַ בלעטל אַראָפּגעהאַנגען ;
האָבן זיי געזען באַנאַכט :
פינקלדיקע שטערנדלאַך,
האָבן זיי זיך אָנגעשפּיגלט,
האָט זיך פאַרגלוסט זיי, אויך צו שײַנען —
און פון בענקען
האָט זיך באַ זיי אָן אויג אויסגעוויינט,
האָט זייער טרער ביזן באַגינען
זייער טריבקייט פאַרהוילן —
נאָר ביים זון אויפגאַנג
האָט זייער בענקשאַפט זיך אָנגעצונדן ;
און אונטער דער זון
האָט דער טראָפּן
אַ בלישטש געטאָן
און זיך געהעלט
און האָט זיך אין אַ דימענט פאַרשטעלט —
האָט עס פון וויטן
געבלענדט
און מיט אַ שטראַל פּאָדעם מיין בליק צוגעצויגן ;
נאָר וואָס נענטער כ'האָב גענענט,
איז דער בלישטש צערינען —
און כ'האָב אַ טראָפּן טוי,
אַ רעגן טראָפּן
אויף אַ גרעזל,
אויף אַ בלעטל
געפונען.

וואָלקנדלאַך

עס האָבן וואָלקנדלאַך זיך אָנגעטרונקען
ווי אַ סטאַדע —
און לאַנגזאַם פֿונם רונד און ראַנד
זיך געשלעפּט
ביזן מיטן הויכן הימל
און דאָרטן געהויערט,
האָבן די וואָלקנדלאַך
מיט גרויע, ווייסע פֿלעקנדלאַך
אונטער די זון געשײַנט.
און אין אוונט ווען די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזן
האָט די לבֿנה
ווי אַ פּאַסטוך זיי געהיטן
האָבן זיי זילבערדיק
אויף די שפּיץ הימל הויכן געדרימלט —
האָט זיך דער ווינט אין דער נאַכט צעוואָיעט
אויף זייער שפּור ;
און ווי אַ וואָלף זיי נאָכגעיאָגט —
האָבן די וואָלקנדלאַך ווי צעשראָקענע שעפּעלאַך
זיך צוזאַמענגעדריקט —
האָט אַ דונער ווי מיט אַ בייטש
אַ קנאַק געטאָן אין בליץ —
און אַהיים געטריבן די וואָלקנדלאַך
אין רעגן.

טייכעלאַך

אונטער דער זומערדיקער זון
האָט אַ שוויים געזאָטן ;
און די טייכעלאַך האָבן געפּאַרעט
ביזן הימל אַרויף
און געטרוקנט,
ביז דעם אָטעם אויסגעהויכט
זיך געלעגן.
האָבן קינדער אין די טייכלאַך
מיט די שטיינדלאַך זיך געשפּילט;
האָט אונטער זייערע באָרוויסע פיסלאַך
דאָס זאַמד געבריט
און איבער זייערע קעפּעלאַך
האָט די זון געברענט,
האָבן זיי פאַרשוויצטע
נאָך די וואַסערלאַך געבענקט.

איבער דער זומערדיקער ערד
האָבן די טייכעלאַך אין לופטן געהאָנגען,
אין וואָלקנדלאַך זיך אָנגעקליבן ;
האָבן מאַמעס פאַכענדיג זייערע קינדערלאַך
אָנגעוויזן אָף די וואָלקנדלאַך :
אונטן זיינען זיי טייכעלאַך,
אויבן זיינען זיי וואָלקנדלאַך
דאַרפן בלויז די ווינטעלאַך
אַרונטער־בלאָזן די וואָלקנדלאַך —
האָבן שוין די קינדערלאַך
געמאָלן זיך די ווינטעלאַך :

פאָרן ווי מיט קאַרעטעלאַך
אַריין אין די וואַלקנדלאַך,
צושפּריצן זיי זיך, צוגיסן זיך,
לויפן אָן די טייכעלאַך —
און פריש געצוואָגענע קינדערלאַך
מיט באָרוועסע פיסלאַך
שפרינגענדיק, טאַנצנדיק
טוקן זיך אין די וואַסערלאַך,
פליושקען זיך אין רעגן
אונטער דער זומערדיקער זון.

דער רעגנבויגן

אַ לעצט ביסל רעגן טראָפּנס,
וואָס זיינען אין לופטן געבליבן הענגען
און זיך אָנגעשלאָגן אָן די זון שטראַלן ;
האָבן אַזוי פיל קאָלירן אין פנים
גענומען שיינען
מיט רעגנבויגנדיקע פאַרבן
אַז איבערן הימל זיך צעשמייכלט :
באַלד ווערט עס אַ וואונדער,
קינדער וועלן זיך פאַרגאַפן
וועט מען מיט די פינגער זיי אָנווייזן :
גאָט׳ס פינגער !
אַ צייכן
פון אַ מבול —
אַלץ ווייל ס׳לעצט ביסל רעגן
האָט זיך פאַרשפּעטיקט,
איז אין לופטן געבליבן הענגען ;
און אין אַ זון שטראַל זיך אָנגעשפּיגלט.

אַ קינד נאָכן שאָטן

אַ קינד האָט זיך נאָכן שאָטן געיאָגט
ביז ס'איז געפאַלן,
איז דער שאָטן אונטערן קינד געלעגן
זיך ניט אַרויסגעזען —
האָט דאָס קינד געוויינט
ר'איז שוין אודאי אַנטלאָפן.
האָט דאָס קינד זיך אויפגעהויבן
און פלינק נאָכגעלאָפן,
האָט עס געזען ס'איז גאָר ניט ווייט פון אים
דער שאָטן,
האָט זיך דער שאָטן מיטן קינד געדרייצט:
קענסט מיך ניט כאַפּן —
האָט דאָס קינד זיך ווידער געיאָגט
און ווידער געפאַלן,
האָט דאָס קינד שוין געלאַכט,
ס'האָט דעם שאָטן
אונטער זיך,
אין זיך געפונען.

אַ קינדערשער שׂכל

אַ קינדערשער שׂכל,
וואָס האָט אַלץ געזען
און ניט געקענט פאַרשטיין
האָט פאַר וואונדער זיך גערעגט
און אַזוי פיל זאַכן געפרעגט:
וואָס איז דאָס?
וואָס איז דאָ?

וואָס איז דאָרט ?
טאָג און נאַכט —
הימל און ערד —
האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט
דעם קינדס אויג
אַף איין אָרט,
אומעטום —
האָט דאָס קינד זיך געמאָלן :
די שטערן באַנאַכט
זיינען לעמפּלאַך וואָס שיינען אַרויס
פון די הימלשע הייזער,
איז די לבנה די גרעסטע בליץ־לאָמפּ
וואָס שיינט אודאי ביי אַ רייכן אין הימל —
האָט דאָס קינד אונטערגעטאַנצט
פאַר די מוטערס טריט,
מאַמע קויף אַזאַ בליץ־לאָמפּ —
האָט די מאַמע דעם קינדס פאַנטאַזיע
איבערגעמאָלן :
נאַרעלע !
עס איז ניט דאָס !
נאָר טונקעלע מיסטעריען,
געהיימניספולע געטלאַכקייט
דעם קינד פאַרגעדאַכט —
פרעגט אַלץ דאָס קינד :
וואָס איז אַזוינס ?
איך זע גאָר ניט.

האַלבע נאַכט

האַלבע נאַכט, האָט אַ האַלבע לבנה
הינטערן וואָלקן זיך פאַררוקט,
ווי זי וואָלט זיך שלאָפן געלייגט ;
האָט די צווייטע האַלבע לבנה
ווי אַ נאַכט-לעמפּל געלויכטן ;
און ביסלאַכווייז דעם גאַנצן שיין
אונטערן וואָלקן פאַרהילט —
איז דער הימל שטאָק פינסטער געוואָרן,
שאַ !
די לבנה שלאָפט שוין,
מיט אַ וואָלקן זיך צוגעדעקט.
האָט זיך אַ היימלאָזער
מיט אַ וואָלקן-קאָפּ געטראָפן
האָט דאָס אים געגרוילט :
ס'לייב, מיטן רעגן
אין מיטן דערנאַכט זיך צו וואַשן —
האָט איב אַ הונט נאָכגעבילט
אין די שפּעטע נאַכט,
האָט עס אַ קינד אין שלאָף דערשראָקן,
האָט די מאַמע דאָס קינד פאַרוויגט —
און בייזע חלומות
דעם קינד אָפּגעשפּראָכן.

דאָס אינגעלע

אַ אינגעלע
וואָס איז פלייסיג געווען
און וואויל זיך געלערנט,
איז איינמאָל פונם שול

אהיים געלאָפן פריילאך,
באַלוינט
מיט געשאַנק
פון רבין —
האָט דאָס אינגעלע אויפן וועג
וואָס פאַרבייגעלאָפן
און וואָס געזען,
האָט זיין קינדערשע הארץ אַ טיאַכקע געטאָן
האָט וואָס געזאָגט דאָס אינגעלע —
און זיך אומגעקערט
און אָפּגעשטעלט
בא אַן אָרימען אַלטעטשקן
און אוים רחמנות צום אַלטעטשקן
האָט עס הארציק
זיין געשאַנק אים אָוועקגעשאָנקען —
האָט דער אַלטיטשקער אויסגעווישט די צעקנייטשטע
אויגן
און אַנקוקנדיק דאָס אינגעלע געפרעגט :
אינגעלע, ווער ביסטו ?
אינגעלע וואו וואוינסטו ?
און נאָכגעבענטשט זיין וועג.
האָט דאָס אינגעלע אויפן וועג געטראַכט :
כ׳וועל גאָר ניט זאָגן מאַמען,
כ׳וועל גאָרניט זאָגן טאַטן,
מאַמע וועט נאָך שרייען,
טאַטע וועט נאָך שטראָפן,
אָבער,
ניין !
האָט דאָס אינגעלע איבערגעדענקט,
כ׳וועל גאָר זאָגן:

כ׳האָב דעם אַלטיטשקן זיידעלע געטראָפן,
וואָס מאַמע פלעגט אַמאָל דערציילן,
אַז כ׳האָב ערגעץ וואו אַ זיידעלע —
האָב איך זיידעלען געגעבן
רבינס מתנה׳לע,
וועט מאַמעלע
זיך פרייען
וועט טאַטעלע אים גיין זוכן —
איז שוין אינגעלע אַזוי
פאַרקלערטערהייט אַהיים געגאַנגען
און גאָר ניט געזען, ווי דער אַלטיטשקער
איז אים נאָכגעגאַנגען
מיט זיין געשאַנק
און מיט נאָך אַ מתנה׳לע
גרייט פאַרן אינגעלע —
האָט דאָס אינגעלע אין היים ניט געדווינזשעט
זיין פרייד אויסדערציילן טאַטן, מאַמען,
האָט שוין דער אַלטיטשקער אין טיר אַנגעקלאַפּט
און דאָס אינגעלע געבענטשט
פאַר פאָטער, מוטערס אויגן ;
און קינדס געשאַנק,
מיט אייגן געשאַנק
דעם אינגעלע אָפּגעגעבן —
אַז דער אַלטיטשקער האָט זיך געזעגנט,
האָט שוין די מאַמע דעם קינד
אַ מעשה׳לע דערציילט :
אַז דאָס זיידעלע איז אודאי
אליהו הנביא געווען,
וואָס באַלוינט אַלע גוטע קינדערלאַך.

דאָס גלעקל

א גלעקל, וואָס האָט אויף א טישל אויבן אָן
ליב געהאַט צו גלעקלען,
האָט איבער טיש און בענק געקלונגען
און ביזן העלדזל זיך צעשמייכלט :
איך — מיט איין און זעלבן טאָן,
גלעקל איך פון אויבן אָן
מוזן אַלע שווייגן —
האָט זיך א קעל אויפן קול צעלאַכט :
און נאָכגעגלעקלט
פון אויבן ביז אַרונטער —
האָט דאָס גלעקל, א האַמער צוגעלייגט,
האָט דער האַמער אָן טישל געהאַמערט :
שאַ, זאָל זיין פאַרן גלעקל !
האָט זיך א האַנט ווי א סטרונע געהויבן :
איך שפיל אויף אַלע אינסטרומענטן —
האָט דער האַמער אָן טישל געקלאַפּט :
שטיל, זאָל זיין פאַרן גלעקל !
איז ווער ווי א שפּרינג-פעדער אויפגעשפּרונגען
און א דריי אַרום זיך געגעבן :
איך טאַנץ אויף אַלע כלים —
האָט דער האַמער געבאַמקעט :
זאָל קלינגען דאָס גלעקל !
האָט א פוס מיטן אַפּצאַס א זעץ געטאָן :
פאַר מיין קנאַפּל ציטערט די געביידע !
און דאָס גלעקל
איז הינטערן טישל אַראָפּגעקייקלט —
האָט דער האַמער אָן טישל געזועצט
און פאַר כעס דאָס טישל צעבראָכן.

איז דער האַמער מיטן טישל מיטגעפאַלן
און זיך אַנגעשלאָגן אָן גלעקל,
האָט דאָס גלעקל קולערנדיק זיך
דערגרייכט ביזן קנעכל, ביזן פּאָדעשווע,
האָט עס נעבעכדיק נאָך געגלעקלט —
האָט עס אַ שוך ווייטער געשטופּט
און ביזן טיר דאָס גלעקל געקייקלט:
האָט אַ קונדס פּוס מיטן גלעקל זיך געשפּילט:
זאָל זיך עס גלעקלען
פון היינט אָן און ווייטער
ביים טיר,
ביים שוועל,
פון אונטן אָן
דאָס גלעקל . . .

אַ לעקציע אין וואַלד

היים !
דאָס העמד מיטן לייב אין איין שוויים,
איז זיך געגאַנגען אין וואַלד אַריין
אָפּקילן די היץ.
אַ חברה האָראָפּאַשניקעס,
האָט זיך זיי פאַרביינקט וואָס,
האָט זיך זיי פרייל‏אַכקייט געוואָלט,
פאַרברענגען
דעם זונטיקדיקן רו־טאָג
נאָך די וואָכנדיקע טעג —
און זיך וואוילגיין געלאָזט
מיט ווייבער און קינדער
און זינגער און שפּילער,
מיט מאַנדאָלינען
און קאָנסערטינען
און ניט פאַרגעסן אויך אין פאָראויס
אָן דיריגענט
מיט זיין לעקציע איבער מוזיק —
און אַלע אויפן באַרגיקן וואַלד
האָבן זיך פאַרקליבן.

היים !
דאָס לייב מיטן העמד אין איין שוויים,
האָט זיך אויפן באַרגיקן וואַלד אין דער מיט
אויסגעזעצט זיך אָף זיין שוים
קליין און גרוים ;
און צוהערער און פריינט
און אַלע אַרום אין אַ קרייז
האָבן די אויגן געווענט
וואו ס'איז געשטאַנען אונטערן בוים

דער דיריגענט בלויז.
האָט באַגריסט אַלע דער דיריגענט
און אָנגעהויבן די לעקציע —
האָט ווער אַ פראַגע געשטעלט:
ווי אַלט איז די מוזיק?
איז גראַד בּאַ אַ קוסט
אַ פאַל געטאָן אַ קינד
און אַ געשריי אַרוים געטאָן —
און אַ וויין אַרוים געטאָן —
האָט זיך דער לעקטאָר געקלוגט:
אַט אַקאָרשט וואָס געהערט אַ געשריי.
אַט אַקאָרשט וואָס געהערט אַ געוויין.
עס האָט ריטם,
עס האָט קלאַנג,
עס איז דאָס עלצטע,
עס איז דאָס פרימיטיווסטע פון מוזיק —
האָט ווער אַ שמייכל געטאָן,
האָט ווער אַ לאַך געטאָן,
האָט דער לעקטאָר שוין אַליין געשמייכלט:
פון זיין איינפאַל,
וואָס איז צו טרעפלאַך —
האָט אַ ווינטל עס אויפגעכאַפּט
און צווישן די בוימער אין וואַלד דאָס צעטראָגן,
האָבן די בוימער די אויערן צוגענייגט;
און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.
האָט אַ וואָלקן אונטערן הימל דאָס געהערט
און דעם דונער דאָס פאַרטרויט,
האָט דער דונער מיט זיין הויכן באַס-קול זיך צעלאַכט:
איך בין נאָך עלטער פון קינדס געוויין;
מיין פייערדיק דיריגיר-שטעקעלע

וואַרף איך אויף אַלע זייטן הימל,
שניידט דער בליץ אין טויזנטער אויערן
מיין קייקלדיקן דונער,
איז דער וואָלקן ווי אַן אָנגעזאָפּטער שוואָם,
ווי אַזאַ זיפּ געהאַנגען,
און ווי מיט טויזנטער שפּריצן
זייערע מיילער געעפנט
און אַ שפּריץ געטאָן,
האָבן זיך אַלע אַף די פיס געשטעלט,
ס׳טראָפּט,
ס׳גייט רעגענען,
ס׳דונערט אין מיטן לעקציע —
האָט שטאַרקער אַ דונער געטאָן
און דעם וואָלקן צעריסן
און צעשיט,
האָט דער וואָלקן אַ שלאַגס-רעגן
אַ גאָס געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ,
האָבן זיך אַלע אַ שפּאַר געטאָן,
זיך צוזאַמען געדריקט
און אונטער די בוימער זיך געשיצט;
האָבן זיך אויסגעמישט
קינדערשע געשרייען
מיטן גאָס,
מיטן פליוך
פון די פּרימיטיוווסטע מוזיק,
מיט דונערן און בליצן באַגלייט;
און דורכגעווייקט ביזן ביין,
ביז צום אויסדרינגען —
און געענדיגט
די לעקציע אין וואַלד.

אוצר׳לעך מיט גאָל שטיינדלעך

אַן אוצר מיט דימענט שטיינדלעך
האָבן פון זייער באַהעלטעניש
פאַר זייער רייכען בעל-הבית זיך געקלאָגט:
וואָס זיי קענען די שיין פון דער וועלט ניט זען —
האָט ער זיי געזאָגט: אוצר׳לעך
מיט קונצן האָב איך אייך אהער געבראַכט —
אַזוי פיל בייזע אויגן האָט די וועלט.
וואָס קענען נאָך שלעכטס טאָן —
וואוינט זיך דאָ בריליאַנטעלעך,
זאָל קיין בייז אויג אייער שיין ניט זען —
האָבן אין דער טונקל זייערע דימענט אויגעלעך
פון די בלאַסע פּנים׳לעך אַרויסגעווײנט:
ס׳איז פינסטער דאָ —
האָט דער בעל הבית זיי געטרייסט:
איך וועל אייך ברענגען די שיינדעלעך פון דער
וועלט.

וואָס שטראַלן אַזוי ווי די זון,
וועט איר זיך שפּיגלען איינע אין די אַנדערע —
האָבן די דימענטלעך מיט בלאַסן שיין אָפּגעזיפצט:
די וועלט איז רייכער ווי די בלויזע זון —
האָט ער זיי פאַרשפּראָכן די פּערל פון ים —
האָבן די שטיינדעלאַך זיך איבערגעפינקלט צווישן
זיך:

די וועלט איז נאָך רייכער —
האָט ער זיי צוגעזאָגט:
צוצוברענגען די רובינען.
האָט זיך דער אוצר מיט די עדל שטיינער געמערט.—

האָט דער בעל הבית ביז אין די זיבעטע שפּאַרע
זיי באַהאַלטן ;

און די שפּעלטעלעך פון דרויסן ארום
מיט נאָכגעמאַכטע עדל-שטיינער,
מיט סאַפּירן פאַרשטעלט —
איז דער בעל הבית ביז דורך די זיבעטע פינסטערניש
געקומען זיי באַגריסן —
האָט ער זיי געטראָפן אלע שלאָפן אין דער פינסטער,
האָט ער מיט'ן אָפּשיין פון א שוועבעלע
זייער שלאָף אויפגעוועקט.
האָבן אַלע אויפקומענדיק זיך צופינקלט
און זיך צעוויינט פון זייער חלום :
פון די וועלטס בייזע אויגן —
האָט דער בעל הבית פלינק זיין שוועבעלע פאַרלאָשן
האָט דאָס העלסטע שיינדעלע
זיין לעצטע פינקלדיקע טרער
דעם בעל הבית געוויזן :
וואָס ער אליין וויל עס צומאָל ניט אָנטאָן —
האָט דער בעל הבית מיט א סאַפּיר-שטיין זיך
פאַרשטעלט

און געוויזן מיך צירט שוין אזא'ם —
האָבן אלע עדל-שטיינער זיך צולאכט :
פון זיין קונציגן וואונדער ;
און פון זיין ציטערדיקייט —
האָט דעם בעל הבית זייער געלעכטער געשראָקן
און פון גרויסן באַוואָרעניש,
האָט זיין פּנים מיט גאל זיך צוגאָסן,
האָבן גאָל שטיינדלעך גענומען אין אים וואקסן,
האָבן זיך זיינע חלומות מיט גאל אויסגעמישט

און זיינע עדעל-שטיינער פאַרשמירט,
מיט גאַל-שטיינער פאַרשטעלט.
פונקט ווי די נאָכגעמאַכטע
פאַר די וועלט'ס בייזע אויגן —
האָט ער זיך שוין געשעמט דאָס פּנים די וועלט
צו ווייזן —
האָט דער בעל הבית מיט די גאל שטיינדלעך
קוים אויף די פיס זיך געשלעפּט
און ביז צו די זיבעטע שפּאַרע,
צו די עדעל-שטיינער דערגאַנגען;
האָט ווידער א שוועבעלע זייער שיין אויפגעוועקט,
האָט זייער געוויין מיט טויזענטער פאַרבן און
קאָלירן ארויסגעוויינט:
צו די וועלט'ס בייזע אויגן —
האָט שוין דער בעל הבית מיט גאַל-שטיינדלעך
מיטגעוויינט:
און איך שעם מיך דאָס פּנים די וועלט שוין צו
ווייזן —
האָט דער בעל הבית אָנגעשפּיגעלט זיינע גאַל-
שטיינער
אין זיינע עדעל-שטיינער,
איז פאַר שרעק, פון זיין האַנט ארויסגעפאַלן
דאָס שוועבעלע און זיך פאַרלאָשן. . .

לידער פון תהום׳ען און הויכן

אדם

(ויש אומרים אף צבת בצבת עשיה)

מענטשן גלויבן אין אַ הימל,
טרויען זיך ניט אויף דער ערד —
איז עס גאָט, ווייל האָט באַשאַפן
באַלד פון אָנהייב, אייזלען, פערד ?

פערד און אייזלען, פאַראַדירן
משונה׳דיק נאָכן ווילדסטן קלאַנג
און דער מענטש באַגייט זיך נאַריש
און פאַרגעסט זיך אין אַ שלאַנג.

גאָט האָט דאָך אַ שלאַנג באַשאַפן
באַלד פון אָנהויב אויף דער וועלט —
און דער שטן פרעגט דעם בורא :
ווער האָסטו אויסגעוויילט.

טאַנצט דער מענטש מיטזיין קאַפּעליע
וואַקכאַנאַליעש ביז וואַנזין —
און פון טרוקעניש און זומפּן
ראַיען שרצים — כל־המין.

גאָט באַשאַפן האָט דאָך שרצים
באַלד פון אָנהויב אויף דער וועלט —
און דער מענטש ער טוישט זיין מאַסקע
אַלעמאָל זיך פריש פאַרשטעלט.

טראָגט דער מענטש זיך ווילד אַרומעט
מיט זיין שווערד און שפּאָרן קלאַנג —
און צום הימל בעט ער שלום,
אויף דער ערד אַנאַנדער'ן פאַרלאַנג.

גאָט, דיין מבול האָט פאַרצייטנס
ניט געבוירענגט דעם מענטש צום זין:
דען דער מענטש האָט ווידער שלעכטעס
אָפּגעלערנט פון יעדן מין.

כל־המינים — גאָט אין הימל
וואוהין פירט דעם מענטשנס־ראַנג!
און דער שטן רעדט פאַר'ן בורא:
ס'טראָגט דער מענטש אַרום אַ צוואַנג.

גאָט האָט דאָך אַ צוואַנג באַשאַפן
גאָט, דיין צוואַנג איז גליענד רויט —
און דער שטן פרעגט דעם בורא:
ווען האָסטו זי פאַרטרויט?

אָך! דער טייפל טראָגט זיך הפקר
אויף די שוואַרצע פליגלען פריי —
גאָט, וואוינסט ווייט אַוועק אין הימל
פון פאַרצווייפלטנס געשריי.

דער שכור

האלב וואַקלענדיקע פּים
האָבן זיך ציטערדיק אויפגעשטעלט,
פאַר שכור׳קייט
האָט ער די הענט אונטערגעשפּאַרט ;
און זיך אָנגעכאַפּט,
אָן אַ טון-מיסט ;
וואָס איז נעבן רינשטאָק געשטאַנען —
האָט אַ נישט גוטקייט
זיין אָטעם פאַרכאַפּט,
האָט דער געשטאַנק ביז צו דער נאָז געשמעקט,
האָט ער זיינס צוגעגעבן —
און מיט גרינע גאַל געבראָכן,
האָט ער זיך מיטביידע הענט
אָן טון-מיסט אָנגעהאַלטן ;
און זיך אין דרייען געבויגן,
און דעם קאָפּ אין טון-מיסט אַריינגעלייגט
האָבן זיך פאַרטרונקענע אויגן
אין טון-מיסט דערזען,
האָט ער זיך אָנגעשפּיגלט —
איז שווער געווען צו דערקענען :
ווער ס׳איז שענער,
ער ?
צי די טון-מיסט. . .

תאוה׳דיקע גלוסטן

תאוה׳דיקע גלוסטן דורשטיק זופן,
פינקלען אויגן ווי דער שכור זעט די כוסה —
פּאַסן זיך אין רייפן טונקעלע און גרויסע
אונטערגעשלאָגענע אויגן,
ליגט דער שכור אויסגעצויגן;
פּלאַצט דער שמייכל אויף צעברענטע ליפּן;
און די אויגן מערער טונקלען
און פאַרקרימט זיך אין די ווינקלען. . .

קלינגען ביליק אָפּגעניצטע זאַכן —
טרעשטשען ביינער ווי האַרבסט בלעטער צו צעטרעטן
און דאָס נאַרעשע ערשיטערט הויבט אָן שפּעטן:
קלאָגט דעם שכור׳ס ליד דערינען:
פון אַן אויסגעשעפּטן ברונען —
שטייט אַ קופּקעלע אָרום און לאַכן,
בטל׳ט ער אוים אַלע חלומות:
פון די אַלע שיינע מקומות. . .

קלינגט דאָס ליד פון שכור און פון תאוה,
וואַקלט זיך דער שכור און פאַרמאַכט די אויגן;
קלינגט דער הכל-הבל שטומפּיק אויסגעצויגן —
קלינגט שוין אָפּ דער לעצטער ניגון,
נעמט דער שכור מיט זיך קריגן,
רינט פון מויל די סלינע, רעדט מיט גאוה:
זאָל שוין ס׳לעצטע זיין פאַרטרונקען —
און דאָס לעבן נעמט פאַרזינקען. . .

דער מענטש

רייך איז דער מענטש מיט דער זעל,
שיינט דורכ'ן שטערן די זעל —
גרויס איז דער מענטש ביז'ן שטערן,
ניט פון אונטן ארויף,
נאָר פון אויבן אראָפּ. . .

שיינט די זעל דורכ'ן שטערן,
בליקט דאָס אויג אונטער'ן שטערן,
וואָס זעאונג דאָס אויג פאַרזעט
זעט אַ נאָכזעאונג די זעל —
האָט דאָס אויג אַן אויגן-דעקל,
דעקט אַליין צו דאָס אויגן-דעקל,
אונטער די זעל. . .

שיינט די זעל אין די אויגן,
ליגן אויערן הינטער די אויגן
וואָס געהער ס'אויער פאַרהערט
הערט אַ נאָכגעהער די זעל —
האָט דאָס אויער אַן אויערן-לעפּל
ווייך ווי וואַטע פאַרשטעקט ס'אויערן-לעפּל
אונטער די זעל. . .

האָרכט די זעל אין די אויערן,
שמעקט די נאָז אונטער די אויגן,
וואָס דערשפּירט און ניט דערשפּירט
פילט אַ נאָכגעפיל די זעל —
קוויקט די נאָז אַרומיקן געדוך,
ציען די נאָז-לעכער אַליין אריין
אונטער די זעל. . .

פירט די זעל פאַר די נאָז,
ליגט די צונג אונטער'ן נאָז,
וואָס פאַרעדט און באַרעדט
שטראָפּט די נאָכרייד די זעל —
האָט די צונג פאַר זיך די ציין,
פאַרבייסן די ציין,
וואָס די צונג פאַרעדט
און ווישט אָפּ די ליפּן — שאַ!
אונטער די זעל. . .

היט די זעל אָפּ די צונג,
ליגט דאָס האַרץ אונטער'ן צונג,
וואָס פאַרטרויט, ניט דערטרויט
טראָגט אַ צוטרויען די זעל —
בלייבט דאָס האַרץ גאָר ניט שטיין,
רעגט זיך ס'האַרץ לויט געפיל,
שלאָגט אָפּ דאָס האַרץ
אונטער די זעל. . .

לעבט די זעל אינם האַרץ,
רוען ניט די פיס און הענט,
מיט די גיריקייט זיך שפּרייט
אין ברייט, אין דער לייננ;
אין נאָגל און ביין
אונטער די זעל. . .

זי און ער

שומפנדיק האָט זי דאָס מויל געעפנט,
האָבן אויפגעשאַרצטע ליפּן ביז די ווינקלען געקלאַפּט;
און ווי אַ דרעש־מאַשין געשאָטן:
טויטע קללות מיט חרמות.

האָט ער זי געבענטשט מיט די קללות.
האָט אַ וואַנזיניקייט זי אָנגעכאַפּט,
האָבן זיך געצויגן
ביז אונטער די אויערן
אָנגעצונדענע אָדערן
איבער'ן האַלדז צעפלאַמט —
האָט ער אַ שפּאָטישן בליק געטאָן —
האָט אַ גיפט פון אירע אויגן געשפּריצט —
האָט ער זיך צו דער וואַנט פאַרדרייט —
האָבן אירע הענט געדראַט,
געסאַרפּעט,
געריסן,
צו שלאָגן,
צו ברעכן —
האָט ער הינטער זיך די טיר פאַרקלאַפּט
און אַליין זי געלאָזט
האָבן די ווענט טויט געשוויגן;
האָט איר וואַנזיניקייט געפרייכט
ביז אַלץ האָט פאַרשטומט —
און פאַר שוואַכקייט,
האָבן אירע אויגן
צוויי טרערן אַרויסגעשפּריצט
אין אָפּגעהאַקטן קריג. . .

שטיף-מאַמע

שילט די שטיף-מאַמע די קינדער,
טראָגט זיך אַ פלוך אין דער שטוב ;
לעסטערט דעם טויטן אין קבר,
זאָלן פאַרלייגן דעם גרוב. . .

מיסטיגט זיך ס'מויל אין אַ גהנום,
קללות מיט חרמות באַשיט —
צאָרנט פאַר צער דער פאָטער :
גאָט ! פון אַ „שטיף-שטאָך" באַהיט. . .

אַזוי לאַנג

אַזוי לאַנג האָט איר צונג אַלץ געפלוכט,
אַזוי לאַנג האָט איר פויסט זיך געביילט ;
ביז איר שטיף-קינד האָט נאָכגעקרימט אַ צונג —
און אַ בלאָן און בלוי אויג איר געמאַכט.
און ווער עס האָט דערנאָך איר באַזוכט,
האָט זי זיך געשעמט און וואָס דערציילט :
ווי אַ שפּאָן האָט אין אויג געטאָן אַ שפּרונג —
נאָר ווער ס'האָט געוואוסט וואָר — האָט געלאַכט.

לײדיק איז דער טיש

לײדיק איז דער טיש פֿאַרן שטיפֿקינד,
רוקט ער זײַן שטול אָפּ אין זײַט ;
זעצט זיך די שטיפֿמאַמע ברייט.

וואַרעמט ניט דער אויבן דעם שטיפֿקינד,
לייגט ער דאָרט אונטער אַ קויל ;
עפֿנט די שטיפֿמאַמע ס'מויל.

לײַכט ניט דער לאָמפּ פֿאַרן שטיפֿקינד,
פּוצט ער דאָרט איבער דעם שײַן ;
פֿלוכט די שטיפֿמאַמע זײַן געבײן.

רעט איר אַנטקעגן, איר שטיפֿקינד,
גינט זי אים ניט וואו ער שטייט ;
און מיט אַ וואָרף אים באַגלייט.

האַקט ער די טיר צו, איר שטיפֿקינד,
גיט זי אַ פֿאַל צוריק אַליין ;
הערט זיך אַ היסטעריש געוויין.

שרײַט זי אַלץ אויס אויפֿן שטיפֿקינד,
אַלץ וואָס איז גאָר ניט געדאַכט ;
לאָזט ער זיך אַוועק אין דער נאַכט.

זוכט דער פֿאָטער זײַן קינד, איר שטיפֿקינד,
זוכט ביז אַ גרוב אין דער ערד ;
טראָגט זיך זײַן בליק אום פֿאַרטרערט.

לײדיק איז ס'בעט פֿון'ם שטיפֿקינד,
קוועלט זי — איר זיג איז אַזוי גרויס :
זי האָט אים פֿאַרטריבן פֿון הויז.

נאָכן פאַרגעבונג

אונטערן בלאָן און בלוי אויג
קייקלט זיך אַ טרער ;
נאָר, נאָך דעם פאַרגעבונג
דרוקט דאָס האַרץ נאָך שווער.

אינם געביילטן פויסט
דרוקט זיך צו דער האָס ;
נאָר, נאָך דעם פאַרגעבונג
בלייבט נאָך אָפט דער כעס.

אונטערן בייזן צונג
שיט זיך אויס דער פלוך ;
נאָר, נאָך דעם פאַרגעבונג
בלייבט נאָך אָפט אַ ברוך.

אויף די אייגענע וועגן

אויף די אייגענע וועגן אַלץ שלעכט איז פאַריכט,
ציט זיך אַ געניץ אַזוי פויל נאָך די טריט,
בלייבט קוים אַ שפור וואָס פאַרלייכטערט ס׳געמיט
ציט אַ גרימאַסע זיך אָן אויפן געזיכט . . .

אויף די אייגענע וועגן אַלץ שלעכט איז פאַרטייטשט :
טראָגט זיך דאָס לעבן ווי אַ פלאָנטער געדרייט ;
רייסט זיך דאָס האַרץ ווי פון דאַנען זיך שיידט —
ווערט דיין נשמה מיט גרימאַסעס צעקנייטשט . . .

אויף די אייגענע וועגן וואו ערשט זיך געקלעמט,
ציט דיך אַהין אַ פאַר׳כשופ׳טער צוריק ;
גייסטו אַרום מיט אַ פאַראומערטן בליק,
לאָזטו גאָר די אויגן אַראָפּ ווי פאַרשעמט . . .

עס האָט מיין נשמה

עס האָט מיין נשמה אין דער וועלט זיך געוויייטאָגט,
מיין גוף האָט באַגלייטעט אַ גאַליק-געשפּעט ;
האָט ס'הארץ זיך געלייטערט אין אייגענע טרערן
וואָס האָבן געפלאָסן אַ שטילען געבעט.

האָט גאָט זיך פארהאנגען מיט זיבן פאָרהאַנגען
ווען איך האָב אין וואָגלנדן-וועג זיך געשלייכט ;
און בלינדע נעכט האָבן מיין שאָטן פארזען,
און גרויע טעג האָבן מיין שאָטן פארבלייכט.

עס האָט מיין נשמה אין דער וועלט זיך געוויייטאָגט,
אויף לויערנדע וועגן צושארט זיך די טריט ;
איצט זיינען די אויגן אַ טרוקענער מדבר —
און ס'הארץ האָט דיליידן ווי אייזן געשמיט.

כליאָפּע, רעגן

כליאָפּע, רעגן גיס מיט עמערס,
ברודיק איז מיין וועלט און שווארץ —
וואַש די ערד אָפּ, וואַש דעם הימל
און מאַך ריין דאָס מענטשן-הארץ.

כליאָפּע, רעגן גיס מיט עמערס,
וואַש דעם שימל פון מיין וועלט —
וואַש די שטיינער דרינג אין פעלזן,
לייטער אוים מיין הימלס-צעלט . . .

כליאָפּע, רעגן גיס מיט עמערס
זיי מיין וואָפע, זיי מיין שווערד —
אַלעסדינג, וואָס קענסט ניט וואַשן,
שווינק אַראָפּ מיר פון דער ערד . . .

פ. גודמאַן

לאַך מיין האַרץ

לאַך מיין האַרץ!
אַזוי הויך זאָל זיך הערן,
אַזוי ווייט ס'זאָל אָפּהילכן,
ווי עס קייקלט זיך דער דונער!
שטעכט אין ברוסט —
נו, איז וואָס?
האַלט זיך ביי די זייטן פעסט
און דעם קאָפּ אין הענט געקלאַמערט —

לאַך מיין האַרץ
מיטן גרעסטן וועלט־געלעכטער!
זאָל זיך רייסן פון דער קעל
ביז אַ גאַלגאַנדיק געשפּאָט;
נאָר אין איין אָטעם־צוג!
כאַ־כאַ־כאַ־כי־כי־כי —
ווי מען זאָגט אָפּ אין איין אָטעם:
המן'ס־זין!
פאַר אַלדעם בייז, פאַר אַלדעם שלעכטס —
כאַ־כאַ כאַ־כאַ כי־כי־כי —
פאַרן היי־אדם!
פונם פרא־אדם!
שטעכן האָר ארויס פון האַרץ,
שפּיזן שפּיזלען פון די אויגן,
שטייען די האָר אויפן קאָפּ
ווי ס'וואָלטן שטעקן נעגל —
כאַ־כאַ־כאַ־כי־כי־כי:
פאַרן וואַנזינענדיקן מוח —
לאַך די גאַליגקייט אַרויס,

פרעס ארוים דיין לעצטע טרער,
מיטן פיין פון דער נשמה.

לאָך מיין האַרץ !
דער הימל איז טריב,
די זון האָט זיך געבלייכט ;
האָט זיך אָנגעצונדן ס'אויג,
האָט ס'אויג זיך פאַרטרערט ;
קוקט די זון מיט אַ וואָלקנדיק אויג אויף דער וועלט —
צי וואָשט זיך גאָר די זון אין וואָלקן ס'אוג,
וואָס דער ווינט האָט פאַרפרישעט
אָנטרייבנדיק דעם וואָלקן ?
און מאַכט עס אין גאַנצן צו
ווייל איר שטעכט איר אייגענע ליכט —

לאָך מיין האַרץ !
ס'ברומט דער ווינט פאַראוים אין וואָלקן ;
כ'האָב טרערן פון דער ערד —
צום הימל געבראַכט :
פונם קרעכץ אויפגעכאַפּט
אויפן שטיין זיך געקלאָגט —
יאָגט אַ צווייטער ווינט זיך נאָך ;
און מיין וואָלקן גרעסער איז :
פון חורבות !
ס'בלוט געלייטערט
רייסט ער זיך צום הימל הויך —
האָט זיך אָנגעטאָן שוואַרץ
דער הימל פאַר צער —
קייקלט זיך דער דונער,
פאַר געלעכטער קייכט

וואָס האָרכט זיך צו גאָט'ס לויב :
„ברוך — שכחו וגברתו" —
שיסט ער אוים :
פונקען פון די אויגן,
פייערדיקע בליצן ;
שפּאַלט זיך דער הימל,
קייכט זיך נאָך דער דונער :
"עשה מעשה בראשית"
בליצט פון אַלע זייטן
ווי אויף שטיקער דעם הימל צו צערייסן —

לאַך מיין האַרץ !
אַזוי הויך,
אַזוי ווייט,
ווי עס קייקלט זיך דער דונער !
אָה ניט שרעק זיך קינד —
דאָס קאַכט דער הימל און זידט דאָס וואַסער
די ערד אָפּצואוואַשן —
ווי די מאַמע קינדס קעפּעלע צוואַגט —
פלוכע הימל, פליוך.

לאַך מיין האַרץ !
ביז אין לעצטן אַך !
פרעס אַרוים דיין לעצטע טרער,
נאָר מיש ניט אוים מיט קיין געבעט...
ווערט אַן אַדער ערגעץ פּלאַצן
איי — גוט אַזוי צו שטאַרבן —
מיטן גרעסטן וועלט-געלעכטער ! ! !

וועלט דו גרויסע

וועלט דו גרויסע
מיט דיינע טיפֿן,
מיט דיינע הויכן
עפנסט אויף דאָס בוך פון באשאפונג ;
קוקן אינם בוך מילב און העלפאַנט
טראַכטן זיי זייער טראַכטונג
יעדער אויף זיין שטייגער —
בלייבט עס בא זיי אָף די שטומע ליפּן :
אַלץ ווי געווען,
איין גאָט, איין באשאפונג.
גייט עס איבער צו זייער מין :
איין גאָט, איין באשאפונג.
נידערט און הויבט זיך דער מענטש,
שפּאַן נאָך טריט
מעסט ער אוים מיט זיין בליק,
בלעטערט ער דאָס בוך פון באשאפונג,
פון טאָוול צו טאָוול,
ביז צו די ווייטע שטערן,
ביז די ווייטע ווייטקייטן ;
גרייכט ער ניט מיטן בליק
קנייטשט ער זיך דעם שטערן
פון די נאָכטראַכטענישן,
גיט עס איבער זיין קינד
צעשפּילט זיך דעם קינדס פאַנטאַזיע,
פרעגט עס אויפן שאָטן,
אָף די לבנה —
און מענטש צו מענטש
און קינד צו קינד

פאַרגרעסערן זייערע דאַכטונגען,
וואַקסן אוים מיראַזשן,
מאָלן זיך די געטער
פינטעלאַך מיט סודות —
פון דור צו דור,
פון אַלץ און גאָר ניט,
פון די העכסטע צאָל,
ביז אַ נול —
העלט זיך און שאַטנט
גאָט פון די וועלטן —
בלעטערט זיך דאָס בוך פון באַשאַפונג
ביז אין אייביגקייט . . .

* * *

פאַרצי זיך, פאַרצי זיך דו גרויליכער נעבל
און שפּרייט פאַר די אויגן זיך אוים :
זאָל אויסזען די וועלט ווי אין אָנפאַנג באַשאַפונג,
זאָל שפּראָצן אַ נייע אַרוים . . .

פאַרצי זיך, פאַרצי זיך דו גרויליכער נעבל
און היל איין מיין אָרימע וועלט ;
עס ווילט זיך ניט זען די מענטשן, די מענטשן
מיט מאַסקעס אַזוי פיל פאַרשטעלט . . .

פאַרצי זיך, פאַרצי זיך דו גרוילאַכער נעבל
און ווייט פאַר די אויגן זיך שפּרייט ;
און שטעל אָפּ אַביסל דאָס האַוועגעש-ווילדע
וואָס איז דאָ דער גייסט פון דער צייט . . .

פון דער הויך, פון דער טיף

אין איבערצייכנען, אין איבערבויען,
אין איבערבליקן, אין איבערדענקען
ליגט די שיינקייט, ליגט די קלוגקייט ;
נאָר זיבן שלייערן ניט פאַרטרויען
וואָס אין דער טיפעניש אין בייבקען
ליגט די פיינקייט, ליגט די צאַרטקייט . . .

אין איבערקלייבן, אין איבערלייגן
אין איבערזינגען, אין איבערשפילן
ליגט די ריינקייט, ליגט די רייכקייט ;
נאָר רעגנבויגנס ניט גרעסערס צייגן
ווי אין דער נשמה׳ס טיפער ווילן
שטראַלט: אַ העלקייט, שטראַלט אַ גרויסקייט . . .

אין איבערטיילן, אין איבערגעבן,
אין איבערלערנען, אין איבערצייגן
ליגט די בראַווקייט, ליגט די קלאָרקייט ;
נאָר אָדלער פליגל אַזוי ניט שוועבן
ווי פון דער טיפעניש זעלן שטייגן
מיט אַ פראַכקייט, מיט אַ הויכקייט . . .

אין איבערפרעגן, אין איבערזאָגן,
אין איבערמאַכן, אין איבערקערן
ליגט די גרינגקייט, ליגט די שווערקייט ;
נאָר אַלע הייליקע ניט פאַרמאָגן
דאָס הייליקסטע פון אַלע באַגערן
צו אַ פרייקייט, צו אַ נייקייט . . .

אין איבערשרייען, אין איבערפאַלן,
אין איבערכאַפּן, אין איבערצאַמען
ליגט די שלעכטקייט, ליגט די ווילדקייט ;
נאָר אַלע גהינום׳ס זיך אויפפראַלן
ווען פון דער טיפעניש שפּארן פלאַמען
מיט אַ ווײסטקייט צו דאָס אַלטקייט . . .

גערענק!

און איז דיין לעבן פול מיט נויט,
דאָך זאָגט דיר ווער : „ניט זיי אין כעס,
דאָס לעבן קומט ערשט נאָכן טויט ;" —
געדיינק, דאָס איז דעם טייפלס שפּאַס . . .

און איז דיין לעבן שווארץ און שווער,
און עמיץ זאָגט דיר, אז „אַ גאָט
פארלאַנגט אַזוי, ס׳איז זיין באַגער" —
געדיינק, דאָס איז דעם טייפלס שפּאָט.

און טרייבט די נויט דיך שיער פון זין,
און זאָגט דיר עמיץ, אז „דער ציל
פון לעבן, איז צו גיין אַהין" —
געדיינק, דאָס איז דעם טייפלס שפּיל . . .

דרייט זיך ביז'ן קנאפל

דרייט זיך ביז'ן קנאפל פארקרומטע־רייד,
דערגרייכט די אפסאצן —
ס'שמידן זיך ווי רייפן ארום דעם קאפ,
ער זאל ניט צעפלאצן.

דרייט זיך ביז'ן קנאפל פארדרייטע־רייד,
דערגרייכט דעם פערד'ס קלויען —
ס'עגבערן פארדראסיק אזוינע רייד,
וואס קענסט זיי ניט טרויען . . .

טויזנט נויטן

טויזנט נויטן, אלעמענס נויט,
קנייפט די באקן זאלן זיין רויט . . .

טויזנט פיינען, אלעמענס פיין,
ציט א שמייכל איבערן געוויין . . .

טויזנט מוסקלען, אלעמענס קראפט,
בלויז א שוואכקייט דעם ריז פארשקלאפט . . .

טויזנט מוחות, אלעמענס גייסט,
אבער איר אין אייניקייט ווייסט!

טויזנט נויטן ברעכן די נויט,
טויזנט פיינען לאכן פון טויט . . .

דריי בילדער

די באַנק

אין דער רייכסטער גאַס
שטייט דאָס רייכסטע הויז;
גייט אום אין פּאַרקער
ס׳וואַכעדיקע בלויז.

קלאַפּט מען ניט ביים טיר,
פרעגט מען ניט קיין זאַך;
באַקאַנט און אומבאַקאַנט
קלינגט די פרעמדסטע שפּראַך.

רוט גאָר ניט די טיר,
סקריפּעט צו און ברומט:
ס׳וואַכנדיקע גייט,
כ׳וואַכנדיקע קומט.

אין אַ זייט ביים שראַנק
טאַפּלט מען און טיילט;
צאָלט מען און מען נעמט,
מיט פּראַצענט זיך ציילט.

דינט אַלץ דאָ צום גאָלד,
אַלץ מיט לייב און זעל;
ס׳וואַכנדיקע בלויז
טרעט ניט אָפּ פון שוועל . . .

דאָס געריכט-הויז

אין דער שטילסטער גאַס
אַ געריכט-הויז שטייט,
ציט זיך דאָרט אַהין,
כ'וואַכנדיקע גייט.

לעזט אַ ריכטער פאַר
פון אַ בוך פון שראַנק:
שולדיק אין געזעץ —
אָנגעקלאָגט פון באַנק.

שטיל איז דאָ און שאַ
פאַרן ריכטער-שטול;
עמיץ האָט פאַרלעצט
פון דער באַנק אַ נול . . .

שרעקט דעם ריכטערס שטראָף
ביז צום טויטן-צעל:
וואַכנדיקער גוף
האָט פאַרשוועכט זיין זעל . . .

גייט אַ וואָרט ארויף
און אַ וואָרט אראָפּ;
און אַ וועכטער היט
ס'וואַכנדיקע אָפּ . . .

דאָס געבעט הויז

אין דער פרומסטער גאַס
שטייט אַ הייליק הויז ;
און דאָס פרומע בענקט
גייט דאָ שיער ניט אויס.

קלאַפּט מען ניט ביים טיר,
קיינער קומט אריין ;
בלויז אַ דינער היט,
זיצט ער דאָ אַליין.

פוסטעוועט גאָטס הויז,
בלויז צום דינערס טריט,
פאַלט אַ שאָטן צו
פון דער וואַנט אין מיט.

וואַרט דער דינער וואַרט :
שבת, יום-טוב קומט ;
פוצט ער אויס גאָטס הויז
און זיין ניגון ברומט :

גלאַנצנדיקעס גאָלד
הייליקייט עס האָט ;
דינט עס לייב און זעל
מערער נאָך ווי גאָט.

פוצט דער דינער, פוצט,
פאַלט אַראָפּ אַ זאַך ;
טראַכט ער — ס'איז דאָס גאָלד
הייליקער אַ סך . . .

שרעקט אים אַ געדאַנק
וואָס ער בעט און גאַרט
ס'וואָכנדיקע בענקט,
ס'יום־טוב'דיקע נאַרט . . .

רייד —

אַלע אָנגעהערטע רייד
זאַפּען איין ווי אין אַ שוואָם ;
זיינען טייל ווי טראָפּנס סם
נעם איך זיי פאַרנאַנדער שייד.

טרעפן רייד אַזוי ווי זייד,
הענגען ווי ווייַנטרויבן טייל ;
וואַרף איך אַראָפּ פון דער צייל
אָנגעפוילטע, זויערע רייד.

טרעפן רייד וואָס קלינגען לער,
פאַלן זיי אַרויס גאָר גרינג ;
בלייבט ניט איבער אויף שפּיץ־צונג
גאָרניט צו דערמאָנען מער.

טרעפן אָנגעוויטאָגטע רייד
קוים דערגרייכן זיי נאָר קוים ;
בלייבט אַ ניט פאַרגעסענער טרוים,
וואָס ער וואַרט אויף אַ באַשייד.

פליסן רייד ווי טייך אין ים,
פאַרען טייכן אויס פון היץ ;
נאָר דער וואָלקן נאָכן בליץ
זאַפּט זיך איינעט פריש אין שוואָם.

טרעפן רייד וואָס פרישן אָפּ,
ווי דער וואָלקן פרישט די לופט ;
ווי די טראָפּנס אינ׳ם דופט
פאַלן דיסטילירט אַראָפּ.

טרעפן רייד וואָס קלינגען באַנג,
פאַלן רייד ווי פרילינגס-טוי ;
גייען זיך אויס הערבסדיג-גרוי
ביז עס שטאַרבט דער לעצטער קלאַנג . . .

— אַ יריד —

אַ געוויין — אַ געלאַך —
לאַכט ווער אוים דאָס געוויין,
וויינט ווער אוים דאָס געלאַך,
אַ געלאַך — אַ געוויין.

אַ געזאַנג — אַ געקלאָג —
קלאָגט ווער אוים דאָס געזאַנג,
זינגט ווער אוים דאָס געקלאָג,
אַ געקלאָג — אַ געזאַנג.

אַ געשריי — אַ געפלוך —
פלוכט ווער אוים דאָס געשריי,
שרייט ווער אוים דאָס געפלוך,
אַ געפלוך —אַ געשריי.

אַ געטראָג — אַ געכאַפּ —
כאַפּט ווער אוים דאָס געטראָג,
טראָגט ווער אוים דאָס געכאַפּ,
אַ געכאַפּ — אַ געטראָג.

טוט זיך אָפּ אַ יריד,
אַ געגיי, אַ געדריי,
אַ געווין, אַ פאַרשפּיל,
איינעם אַ — איינעם אוי.

מוטער און קינד

ביים הויז אויפן שטיינערנעם שוועל,
וואָס פירט פון דער טיר צו דער גאַס ;
ליגט האַלב אָפּגעברענט פון דער זון
אַן אָרעמעס נפש׳ל בלאַס.

הענגען האַלבע פיסלאַך אַראָפּ,
דאָס קעפּל ביים דורכגאַנג אין מיט ;
ס׳גופּ׳ל מיט די הענטלאַך צעשפּרייט
ליגט פריי פאַרן דורכגייערס טריט.

היט די מוטער ס׳נפש׳ל, היט
און ווישט אָפּ דעם פּנים׳ל׳ס שוויים :
ליגט ס׳קינד ווי אַ שילד פאַרן הויז —
זיין שטובעלע ענג איז און היים.

עפנט האַלבע אויגעלאַך ס׳קינד
און שאַרט זיך אַוועק פון דער מיט ;
פאַכעט מוטערס פאָכערל בלאָזט,
האַלב אָפּן קינדס מיילעכל ציט.

בעט זי אויף אַ ווינטעלע, בעט
די נאַכט זאָל דערפרישן די זעל ;
ס׳נפש׳ל אַנטשלאָפן איז קוים
און קילט זיך אָן שטיינערנעם שוועל.

דאָס מאָדעל

אַ פלאַך איינגעשרומפּענע ברוסט,
ביוסט און פיגור פאַזירט ;
מאָלט ווער אַ בילד פונם מאָדעל
און ער קריצט און קאָפּירט . . .

בויגט ער די ליניען פונם גוף
אינאיינעם ביים מאָלן —
און גרינצלט די הויט ביז אין ביין
אַזש טיף נעמט עס גרוילן . . .

וויינט זי — די יוגנטלאַכע פאַרב
וואָס ער נעמט פאַרשטרייכן ;
לאָזט ער אַ ראָזעווען רונד־פלעק
אין געזיכט אַ צייכן . . .

זיפצט זי — איר יוגנט ניט דערגרייכט
ווי ער מאָלט איר וועזן ;
מאַכט ער אַ קנייטש טיף אין געזיכט
ווי אַ שטריך צום לעזן . . .

שרעקט זי — אַ בלום אַ פאַרוועלקטע
שלעפּט זיך נאָך די צויטן ;
לאַכט ער דו נאַרעשע מאָדעל
צערייס דיינע נויטן . . .

דאָס בוך

דאָס בוך אין בוכהאַנדלונג ביים וואַנט
אַראָפּ פון דער פּאָליצע שיינט ;
דער רוקן פון אויבן זיך לייענט
מיט גאָלדענע בוכשטאַבן פון באַנד.

עס קומט זיך ווער קויפן דאָס בוך
און מישטערט אַזוי מיט די הענט ;
און בלעטערט פון טאָוול ביז ענד
און איינער לייענט גלאַט אויף באַזוך.

ער מאַכט דר'ין אַ קנייטש און אַ פלעק,
פאַרמישט עס, גיט ווידער אַ בליק,
גיט ס'בוך דעם בוכהאַנדלער צוריק
און לייגט אויפן פּאָליצע אַוועק.

אַראָפּ פון דער פּאָליצע שיינט
דער גאָלדענער רוקן פון באַנד ;
לייענט אָבער און איבער די וואַנט,
די וואַנט און די פּאָליצע לייענט.

די וועלט

די וועלט זי איז אַ בוך
איך לייען פון יעדן וועזן,
און אַלצדינג וואָס איך זוך
ווי שווער דאָס איז צו לעזן.

אַ נאָנט בלאַט אין די הענט
וואָס ליב איז כ'טו פאַרערן ;
פון טאָוול ביז צו ענד ,
ביז צו די ווייטע שטערן.

איך מיש דאָס בוך געשווינט
ניטאָ אַזוי פיל יאָרן ;
און לערן דאָס בוך מיין קינד
אָף ווייטער אין זכרון.

ווער האַלט דאָס בוך אין האַנט ?
ניטאָ אַזוינס צו דאַכטן ;
ווער לייענט עס דורכאַנאַנד ?
מיין קינד וועט ווייטער טראַכטן . . .

אינ'ם מוזעאום

אינם מוזעאום זעסט א וועלט,
זעסט א וועלט אין מוזעאונג ;
ווערט דאס אויג ניט זאט פון זעהונג
ליכט און שאטן איז אויסגעשטעלט.

שפיגלט שימל פונם אפגרונט,
איז וואס עלטער אלץ מער ווערט ;
געטער אזש פון אונטער דר'ערד
גלאצן אויפן וואונדער אצינד.

גלאנצט דער שימל אינם שיין,
פיראמידן — און דערצו
גלאצט אזוי א הייליקע קו
פון א העראגליפן־שטיין —

שלאפן מומיעס נאך אצינד
און מיט שפיל־צייג ווי באצירט ;
ליגט ווער איינגעבאלזאמירט
ליגט דאס מיטלאלטער קינד.

זעסטו די פארגאנגענע טעג,
זעסט דעם נעכטן אינם היינט ;
און דער מארגן ווידער שיינט
מיט א גרעסערן פארמעג . . .

די צייט

גייט זיך אייביג אום די צייט,
אלע וועלטן גייט זי אוים ;
שלעפט זי מיט משונה'דיקע
געטער אלערליי די גרוים . . .

לאזט זיי איבער אויפן וועג
טויזנט־יאריקע שוין אלט ;
וואקסט דער שימל אן אויף זיי
ניט דערקענסט שוין א געשטאלט . . .

מעסטן מענטשן אוים איר וועג
פאלן זיי אנידער מיד ;
גייט א רואיקע די צייט
שפאנט אריבער מיט די טריט . . .

לויפן מענטשן אין פאראוים
רונד־ארום איר ציפערבלאט ;
פאלט דער שטויב פון אירע טריט,
דעקט צו א פארגעסן בלאט . . .

גייט א זייגער אין דער „צייט"
און „ווי שפעט איז" קיינעם ווייזט —
וואקסט זיך אוים געדאנק אין צייט,
נעם כאטש מיט א צייט מיין גייסט . . .

מיין קעמערל —

דיין קעמערל איז קליין
זי דאַרף אַ ביסל שיין ;
און דו הייסט שמייכלען מילד
ביז נעמסט שוין אָפּ דאָס בילד . . .

מאַכסט גלייך דאָס אויג און ברעם
אַ בילדל פּאַר אַ רעם ;
און פּוצט גאָר צו אַ בלום
נאָר קוקסט ניט מער זיך אום . . .

און גייט אַוועק די זון
וואָס בלייבט פאַר דיר צו טאָן,
צו זעסט ווען אליין
די פינסטערדיקע פּיין ?

מיין קעמערל איז גרוים —
קומט יעדעס בילד אַרוים,
פון אַלצדינג וואָס דיר פעלט
ביז אַלצדינג וואָס דיר קוועלט.

דער טעלעגראַף

ציען זיך טעלעגראַף דראָטן
איבער מיין קאָפּ ;
האַלט זיי אַ סלופּ אויף די אַקסלען
לעבן דעם קאָפּ.

שטייען געווועזענע דעמבעס
סלופּ נאָך אַ סלופּ
הערן זיי צווישן די דראָטן
איטלאַכער סלופּ.

הערן די סלופּן און שווייגן
רירט זיך קיין פּוס,
שטעקט אין דער ערד איינגעגראָבן
סמאַלענער־פוס.

קלאַפּן די טעלעגראַף דראָטן
קלינגען אַלץ אָפּ,
טרעפט זיך אַ קלאַנג קלינגט באַשיידן :
פאַרהאַנג אַראָפּ —

כאַפּן אויף שפּיציקע אויערן
אַלץ אין דער וועלט ;
ווערט אַ געשפּיר מיט די נעזער —
איבער דער וועלט . . .

זוכט מען אין סוד פון דער פאַרהאַנג :
סודות פון לאַנד —
ווערט אַ געקריץ מיט די ציינער :
שונאים אין לאַנד . . .

ציטן צו ציטן אַ שטורם
טראָגט זיך אין בליץ,
רייסט זיך אריין אין די דראָטן
דונער און בליץ . . .

ראַדיאָ —

ראַדיאָ ביסט דער וואונדער פון דער וועלט
אין דער לופט וויברירסט דעם קלאַנג,
קלינגט אַ ווייט און פרעמד געזאַנג,
ווערט אין נאָנט מיט רעיונות באַזעלט.

שפּילט זיך עפּעס כשופ'דיק געהיים,
ערגעץ רוט אַ צויבער גלאַנץ,
הערסט נאָר בלויז דעם וואַלץ פון טאַנץ,
שפּילט דאָס ניט געזעענע אין היים,

מאָלט זיך אויס אַ וואונדערלאַכער גייסט,
שפּילט אַריין אין יעדן הויז,
טרייבט דאָס אומעטקייט אַרויס,
און דאָס עלענדע און אָרימע טרייסט . . .

דאַכט זיך עפּעס צויבערדיקס גייט,
קלינגט אַ טאָן וואָס גרילצט און רוישט ;
און דאָס ביליקע ענטוישט,
בענקט זיך עפּעס אַזוינס וואָס באַנייט . . .

לידער און עפּיגראַמען

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט וואָס רעדסט אויס שטיל
ניט מעסט לויט טאָן און קלאַנג,
עס קען דערגרייכן הויך
און טיף אינם געדאַנק...

דאָס וואָרט וואָס רעדסט אויס הויך
פאַרדינט נאָך ניט קיין רויז,
עס קען אַפּשטאַרבן שטיל
אין רוישיקן אַפּלויז . . .

אַ ליגן

דאָס וואָרט אַזוי ביליג רעדסט אויס
עס פאַלט ווי פון שלייפשטיין דער קלונג ;
קלינגט וואָג אָן אַ מאָס אויפן קול
און וועגט אויפן וואָגשאָל פון צונג . . .

פאַרטוישט זיך דאָס וואָרט אויפן גאַס
און קלינגט אַזוי קלוג אין דער וועלט ;
ווי ס׳מאָלט אַ פאַנטאַזיע אַ קינד
אַלץ גרעסער דער ליגן געפעלט . . .

באַרימעריי

דיין סוד'ען זיך אין שטיל
דיין רום אין אייג'נע לויב ;
קען נויגן ווען צום וואַנט
איינריכטן גאָר מיט שטויב . . .

דיין בינע־זשעסט און בויג
נאָכקרימענדיק דעם נאַר ;
אָפּקלינגען קען אין האַרץ
דיין אייג'נעם שפּאָט און צער . . .

ענדע־וואָרט

פון אַ קלוגן וואָרט
גיט וואָס איז אַ בלאַנק ;
בלאַנקט די שאַרף פון וואָרט
בליצט אויף אַ געדאַנק.

רום נאָר ניט דיין וואָרט
מיט'ן שאַרפן צונג ;
אַז די ענדע וואָרט
איז אַ פעדער גרינג . . .

גרונטשטיין

אין דער ערד אַריין
דעם גרונטשטיין מען לייגט ;
און טורם־שפּיץ גאָר הויך
פון דער ערד זיך שטייגט.

רום נאָר ניט דיין גרויס,
פונם שטאָלץ פאַרגעס ;
אין דער ערד אַריין
לייגט מען אויך אַ מת.

קליינליכקייטן

וואָכעדיגע קליינליכקייטן
לאָזן זיך מיט קולות הערן ;
פאַלן אַריין די נשמות,
אין געפילדער זיך פאַרצערן . . .

שמעקן סאַזשעלקעס פון זומפּען,
טאַנצן שכור'ע נאָכ'ן פּאַיען ;
שיטן זיך אין מיטן קללות
און די ווערימלאַך זיך ראַיען . . .

זומפּ און פרעש

ניט אַהין, ניט אַהער
שטייט די זומפּ אַף איין אָרט
רירט אַ פרעש אַף די זומפּ
איז אַ שטראָם אַטאַ דאָרט.

קוויקט די פרעש זיך אין זומפּ.
כאַטש אַ ריח פון זומפּ גייט ;
שרייט די פרעש, זינגט די פרעש :
די זומפּ שמעקט, גרין באַקליידט . . .

שוועבלינגע

פּלאַנטערדיקע שוואַכקייטן
וואַקלען זיך פאַר די טריט ;
בלייבן שטיין נעבעאַכדיק
ווי אַ נאַר אין דערמיט.

רעט די צונג פאַרענטפערט זיך :
גוף איז נשמה׳ס אַ לאַסט ;
דרייט די רייד אום, רעט קאַפּויר.
פּלאַנטערט זיך ווי עס פּאַסט . . .

נאַרעשקייטן

אַלע האָבן אַזאַ שוואַכקייט
נאַרעשקייטן רייִדן ;
דאַרף מיין וועלטל אַזאַ קלוגן
וואָס זאָל אַלץ באַשיידן.

אפשר זיינען נאַרעשקייטן
קלוג אַזוי ווי ס׳לעבן ;
שאַט גאָר ניט דאָס הוזשען, זשוזשען
וואָס אין לופטן שוועבן.

נישטיגקייטן

קליינע נישטיגקייטן
פאַרלויפן דעם וועג ;
וואַרפן זיי די ווינטן
אַראָפּ פונם וועג.

ווערט אַ קורזש פון שטויבן
דאָס אויג דרייסט אַוועק ;
נאָר אין וועג וואָס ווייטער
בלאָזט דער ווינט אַוועק . . .

צוערשט ליב איך

צוערשט ליב איך צום ערשט די מוזע אליין,
וויל אַפּט מאָל מיין ליבסטע זיך בייטן —
דערפאַר קען איך אָבער אָן ווייַן זיך באַגיין,
דאָס טרינקען בין מוחל אַ צווייטן.

די ליבע פאַר׳שכור׳ט און וויגט מיך באַלד איין
איך דאַרף גאָר קיין ווייַן ניט פאַרזוכן ;
נאָר ניכטער די מוזע איז שטאַרקער פון ווייַן,
פון ליבע אין זיידענע פוכן.

דיינע אויגן

דיינע אויגן ליבסטע מיינע
פינקלען חנ׳עוודיג און מילד
כ׳זע אין זיי צוויי דימענט אלבומס
איינגעפאַסט אין זיי מיין בילד.

נאָר ניט טייל מיר צו דיין ליבע
מיט דער זעלבער מאָס און גרויס
ווי אין דיינע דימענט־אויגן
קוקט מיין אָרים בילדל אויס . . .

דער טורם און דאָס פלעקל

ווי קליין איז דער טורם פון ווייטן
מען זעט קוים אַ שפּיצל אַרויס ;
דאָס פלעקל פון נאָנט מאַכט זיך גרעסער
און לאַכט גאָר פון טורם זיך אויס.

עס נאַרט דיר דאָס קליינלאַכע פלעקל,
נאָר שטענדיג ס'געגנאַרטע זיינס מאָנט ;
איז בעסער אַ טורם זיין פון ווייטן
ווי איידער אַ פלעקל אין נאָנט.

ניט אַלץ מיט אַ מאָס

ניט אַלץ מיט אַ מאָס זיך מעסט
און פּאַסט אין אַ רעמל אַריין ;
און ניט אַזוי פלינק פאַרגעסט
אַ זאַך, וואָס קענסט שאַצן נאָך מיין . . .

אַ צאָל — צו אַן אייל די גרויס,
דער סכום פאַרטיפט ניט דעם זין ;
נאָר דאָס, וואָס מעסט זיך ניט אויס —
טראַכסטו אַ סך מערער דערפון . . .

סקאַצל מיטן שפּאַקטיוול

א נאַרעש בריליאַנטל
האָט איינמאָל זיין מאַנטל
געוויזן צו סקאָצל,
האָט סקאָצל אין לאַצל
פאַרפּוצט מיט אַ בלימל,
געלויבט ביז אין הימל —
געשמייכלט אין מאַנטל
געדאַנקט האָט בריליאַנטל —
האָט סקאָצל דורך אַ שפּאַקטיוול
פאַרפּוצט אויך די שטיוול ;
שטייט סקאָצל אין מיצל,
שאַצט איטלאַכעם פּיצל :
אַ בלעזל — אַ גלעזל,
א העזל — אַ נעזל,
פאַר׳מיאוס׳ט און פאַרשענערט,
פאַרגרעסערט, פאַרקלענערט
ביז די אויערן אין שטיוול
פאַרטיפט אין שפּאַקטיוול.

ניט אַלץ

ניט אַלץ, וואָס זיך מיהט
קריגט פאַר זיין מיה;
דאַרפט צו אַן אָפּגאָט
גיין אויף די קני.

דינען פון דער פרי,
דינען ביז שפּעט;
בוקן צום אָפּגאָט,
בוק זיך און בעט.

לויב זשע, דעם אָפּגאָט
ביסקעל אַראָפּ;
שענקט דיר, דער אָפּגאָט
ווײַרויך אַ קאָפּ . . .

לידער זינגען —

לידער זינגען אַ בעטלער־שפּיל
אַט אַזוי זיך זאָגט מיין ווייב;
דאַרף נאָר אָנטאָן אַ מאַסקע זיך
און אַ טאָרבע פאַר'ן לייב . . .

פּורים קומט אַ מאַסקע צוניץ
און אַ טאָרבע דעם בעטלער פרייט;
קלינגט אין בעטלער'ס טעלערל קלינגט
פאַר אַ גראָשן אַ געבעט . . .

לידער, אונטער אַ מאַסקע זינג
ווי אַ מאָל אין פּורים נאַכט;
בעסער נאָך לוינט אַ פּורים־שפּיל
פון שלח מנות אויסגעטראַכט . . .

עס טרעפט אַמאָל

עס טרעפט אַמאָל אין מיטן ליד
בענטשסט דאָס ווייב מיר שירה ;
און שטעק די נאָז אַריין אין מיט
אַ צופּלאָמטע צורה.

זאָג וואָסער פּרייז דיין לידל שטייגט
וואָס דו זינגסט פאַר מענטשן ;
און גאָר אַזוי די הענט פאַרלייגט
האַלט זי מיך אין בענטשן.

זי דראָט מיין ליד — זאָלסט ווערן בלינד,
פּרואווט די לאָמפּ פאַרדרייען ;
קען אויסענווייניג אַלץ געשווינד
הימל הויך פאַרשרייען.

עס שיט די צונג ווי רויטע מאָן,
שיטן זיך די פּערל ;
אַ ווינשעוואַניע הייבט זיך אָן,
לאָזט אויס מיט אַ טרערל.

דאָס קליינלאַכע

דאָס קליינלאַכע, דאָס נישטיקע
מיט קלימפּערלאַך קומט אָן ;
מיט פּליטערלאַך און פּלאַטערלאַך
מיט גלעקלאַך אָנגעטאָן.

אַ האָרן בלאָזט אויס אַ שרעטעלע,
שפּרינג־פּעדער גוט אַ צו ;
רירט פּליטערל דאָס פּלאַטערל
גיט פּלאַטערל אַ פּלי.

דער האָרן אָן אויסגעבלאָזענער
מיט שרעטעלעס פאַרלאַנג ;
אַ קאַרוסעלע מאַכט דערפון
מיט גלעקלדיקן קלאַנג.

אַ פּייקל פּויקט און פּייקלט אויס
מיט פּייקלדיקן קנאַק ;
די קאַרוסעלע דרייט זיך אום
און ווייזט דעם שליץ פון פּראַק . . .

דער אײדעלער רעצענזענט

שרײבט דער אײדעלער רעצענזענט :
שרײב זיך, שרײב זיך װײטער,
װערט דײַן פּעדער ניט אַנערקענט
מאַך דײַן פּעדער ברײטער.

שפּריץ זיך אויפֿן פּאַפּיר די פּען
מאַך פֿון ברײט אַ שפּיצל ;
ברײט און שמאָל פֿאַרקלעק װי מען קען
מעק נאָר אויס אַ שפּריצל.

שניץ דײַן בלײַערנע פּעדער שניץ,
שפּיציק מאַך דײַן פּעדער ;
סקריפּעט אויפֿן פּאַפּיר דער שפּיץ
שמיר װי פֿעך די רעדער.

שרײב דער אײדעלער רעצענזענט
שרײב זיך, שרײב זיך װײטער ;
װערט דײַן שרײבן ניט אַנערקענט,
שרײבן זאָל אַ צװײטער.

אַזוי און אַזוי

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט,
אַ שפּרוך פֿאַר אַ שפּרוך,
אַ שפּאַט פֿאַר אַ שפּאַט,
אַ פֿלוך פֿאַר אַ פֿלוך . . .

אַזוי און אַזוי
אַ טופּע, אַ שפּרונג ;
און קרימען זיך נאָך
און ווייזען אַ צונג

אַזוי און אַזוי
פֿאַרפֿירט מען אַ קריג
און שלאָגען זיך נאָך,
איז איבער אַ זיג.

אַזוי און אַזוי
דער נאַר מאַכט צענאַר ;
דער קלוגער פֿאַרשווייגט
ליידט ליבערשט דערפֿאַר...

ב. גודמאַן

קאַליקעס

פאַר טויבע אויערן
איז שווער די רייד,
דאָס ניט דערהערטע
זיך פאַלש באַשייד.

פאַר בלינדע אויגן
די שיין איז גרויס,
דאָס ניט דערזעהענע
זעט אַלץ איינס אויס.

באַ שטומע מיילער
די צונג קלאַפּט מער,
דאָס ניט גערעטע
איז בייז און שווער.

פאַר קרומע, לאַמע
איז שווער דער וועג,
איז טויזנט ווייטן
ביז צו אַ ברעג.

פאַר דומע מוחות
פעלט אַלץ דערין,
איז אָן אַ געפיל,
איז אָן אַ זין.

נאָך קאַליקעס טרעפסט
וואָס איז אַ שרעק,
אָן טענה־ומענה
איך גיי אַוועק.

פּלעקלאַך

האָט זיך געשפּילט אַ קונדסל
מיט זייפן בלאָזן ;
האָט זיך געטאַנצט אַ פלאַקנדל
צו צילן האָזן.

האָט זיך געגרויסט אַ למדן׳ל
פון אַלע זייטן ;
האָט זיך געקערט אַ בעזעמל
אין מיטן רייטן.

האָט זיך גרימירט אַ פּאַיאַצל
אין אַלע פּאָזן ;
האָט זיך געבלענט אַ לאָמפּאָסל
אוים זיינע פּראָזן ;

האָט זיך געקריגט אַ קעניגל
פאַר אַלע שטרעקן ;
האָט זיך צוטרענט אַ קוטאַסיקל
פון אַלע עקן.

איז זיך אַוועק אַן "אוצר׳ל"
דורך הינטער טירן ;
האָט זיך געטאָן אין פּאַלאַצל
די שיין פאַרלירן.

האָט זיך געדרייט אַ כל-בו-ניקל
אויף אַלע ווינטן ;

האָט זיך פּאַרוווייעט אַ קאַשקעטל :
לויף נאָך פון הינטן.

האָב איך געמאָלט אַ טויזנטל
פון קרום און גלייכן ;
האָט זיך פאַרשמירט אַ פלעקענדל,
וואָס בלייבט אַ צייכן . . .

שאַנדרע-באַנדרע

שאַנדרע-באַנדרע
איינע ווי די אַנדרע,
ברייננען שטאָפּעטן
דעם שוועל וואָס באַטרעטן,
מוסר זיי זאָגן,
רכילות זיי טראָגן,
ריידן, באַריידן,
באָבען מיט זיידן ;
לאַכן, אָפּלאַכן,
ניקען זיי מאַכן,
הערן, פאַרהערן,
סודות זיך שווערן,
טייטען מיט פינגער,
דרייען די צינגער,
שילטן, פאַרראַטן,
מאַמען און טאַטן.

אַ גיפטיגע פליג

איך ליג אַמאָל אין פעלד פאַרנאַכט
און הער אַ זשומען טראָגט זיך זאַכט,
ס׳שוועבט וואָס אין שאָטנס איינגעהילט —
ווי אין באַהעלטעניש זיך שפּילט...

און נענטער אַלץ דער זשום זיך הערט
און טונקעלער אַלץ אַרום מיר ווערט,
עס זשומעט אין אויער מיר אַריין —
מיר דאַכט : אַ שלאָף־ליד וויגט מיך איין...

האַלב וואַך און האַלב אין טרוים איך שפּיר :
אַז עמיץ נאָגט און ציט פון מיר,
איך טרייב וואָס אָפּ, אַ שטאָך איך קריג —
און איך דערפיל אַ גיפטיגע פליג...

* * *

ס׳גרוילט דאָס שלאָף־ליד מיט׳ן גיפטיגן שטאָך,
פאַרשידן אַרטיג אַהמט ווער נאָך :
אָט זאָגט דער וויים און מיינט גאַר שוואַרץ —
ניט איינער נאַרט אַזוי דיין האַרץ...

די קאַץ און דאָס פייגעלע ביים נעסט

האָט איינמאָל אין פרילינג אַ קאַץ וואָס דערשמעקט
און האָט אין דעם גאָרטן די פייגלאַך געשרעקט,
געיאָגט זיך נאָך זיי ווי נאָך מייזלאַך פראָסט,
און שטאָט'ס אַ מויז־לאַך אויף אַ בוים זיך געלאָזט.

אַ פלי — און די פייגעלאַך זיינען אַראָפּ,
אַ שפרונג — און אויף אַנדערע בוימעלאַך האָפּ;
אַ פישטשען האָט אויבן נאָך שוואַך זיך געהערט.
פון אונטן אַרויפצו די קאַץ האָט באַגערט.

האָט אויבן אַ פויגעלע זיך איינגעריכט,
געטראָפן די קעצישע אויגן אין געזיכט,
געמאַכט זי שיער בלינד, אַנשטאָט בעטן צו געסט —
אַזוי האָט אַ פייגעלע פאַרהיטן זיין נעסט . . .

שפּילט דאָס לעבן

שאַך-מאַט

שפּילט דאָס לעבן שאַך-מאַט
דאָ אַ צוג, דאָרט אַ שריט,
דער פאָראוים טרעט אַ טריט,
דאָ אַ שפּרונג, דאָרט אַ לויף,
שטייגט אַ קריג ביז צום סוף —
שרייט דער מאַט, שרייט דער פּאַט.

שפּילט דאָס לעבן שאַך-מאַט,
אויפ׳ן וועג דאָס שאַך ברעט,
יעדן וועג — פּוס באַטרעט,
ביז ס׳געזיכט פלאַמט אין שפּיל,
טרעפסט נאָר ניט וואו דער ציל —
דו ווערסט מאַט, דו ווערסט פּאַט.

דאַמקע

שפּילט דאָס לעבן דאַמקע,
גייט זיך דער פּראָסט אַ גאַנג,
שטופּט זיך דער מיט געדראַנג,
רוקט זיך דער און פאַרנאַרט,
ביז דעם וועג דעם פאַרשפּאַרט —
שפּילט זיך אָפּ אַ דאַמקע.

שפּילט דאָס לעבן דאַמקע,
פירט דער און פאַרפירט דעם
ביז אין פלען, ביז אין קלעם
ביז אַ זייט, ביז אַ העק
אָפּגעשפּילט און אַוועק —
שפּילט דאָס לעבן דאַמקע.

דאָמינאָ

שפּילט דאָס לעבן דאָמינאָ,
שטעלט דער אויס, שטעלט דער צו,
מער און מינער אַלץ איז דאָ,
ציילט דאָס „אויג" ביז אַ בלאַס,
קלינגט דאָס שפּיל ביז אין גאַס —
שפּילט זיך אָפּ אַ דאָמינאָ.

שפּילט דאָס לעבן דאָמינאָ
שפּילט דער דאָרט, שפּילט דער דאָ,
כאַפּט דער מערער — מינערער צו,
וואַרפּט אַ בליק וואָס דאָרט פעלט,
שטעלט אַ ביין און פאַרשטעלט —
שפּילט דאָס לעבן דאָמינאָ.

איקס-מיקס

שפּילט דאָ לעבן איקס-מיקס,
מעקט זיך דאָ, שטעלט זיך דאָרט,
אַלעמאָל טוישט דאָס אָרט,
דאָ אַ רינגל, דאָרט אַ שטריך,
לאָזט זיך בוידעם אויס אַ טייך —
שפּילט זיך אָפּ איקס-מיקס-דריקס.

שפּילט דאָס לעבן איקס-מיקס
אַלעמאָל אַנ'אַנדער אָרט,
נעמט אָפּ דאָ, גיט אָפּ דאָרט
דאָ געבאָרגט, דאָרט געפעלט
דאָ זיך פּיין, דאָרט פאַרשטעלט —
שפּילט זיך אָפּ איקס-מיקס-דריקס.

ציג און וואָלף

שפּילט דאָס לעבן ציג און וואָלף,
דאָ דער וואָלף, דאָרט די ציג
מאַכט דער וואָלף, דרייט זיך קלוג,
אַט די ציג גאָר איך היט,
נאָר אַ פּאָס פּליקט ער מיט —
אַט אַזוי ווערט זאַט דער וואָלף.

שפּילט דאָס לעבן ציג און וואָלף,
דאָ אין זייט, דאָרט אין מיט,
אין דעם שפּור פון די טריט,
אין דעם שפּיז פון דעם בליק,
אין געררוך פון געפּליק —
שפּילט דאָס לעבן ציג און וואָלף.

אַ שאָד דאָס ראָד

אַ שאָד דאָס ראָד, וואָס האָט זיך צעבראָכן
וואָלט זיך געדרייט נאָך וואָכן מיט וואָכן,
וואָלט נאָך געטויגט פאַר וואָכן מיט יאָרן,
אַ שאָד דאָס ראָד, עס וואָלט נאָך געפאָרן.

אַ שאָד, אַ שאָד עס איז שוין פאַרלאָרן,
אַ שאָד וואָס איז געשטרויכלט געוואָרן,
וואָס איז געווען, עס איז שוין פאַרלאָפן,
וואָלט ניט געווען, וואָלט דאָס ניט געטראָפן.

מזל —

ווען מען דער טאָג ברענגט גליק,
שיינקט די נאַכט צו פרייד ;
נאָר פון מזל דעם סוד
איז שוין לאַנג באַשיידט.

לייענט זיך ווי אַ מעשה :
„טויזנט און איין נאַכט" ;
דעם סוד האָט אַ קלוגער
פאַר זיך אויסגעטראַכט.

פעלן ניט קיין קלוגע
אין דער גראָער וועלט ;
לייענט זיך אין די מעשה :
מזל זיך פאַרשטעלט.

מזל ליגט אין ווינדעלאַך
נאָך אַן פאָדעם הויל ;
מזל ליגט אין פאָדקאָווע
קאָפּעטע און זויל.

נאַרט זיך ניט דאָס מזל
צו פרעמד־מי זיך שאַרט ;
אַזוינס האָט געטראָפן
און דאָס גליק נאָך האַרט.

האָט זיך איינגערעט אַלץ
קאַפּריזנעדיק־קינד ;
אַ גינגאָלדען פאָדעם
האָט דאָס גליק געשפּינט.

האָט דאָס גליק געשפּיגלט
ביים גאָלדענעם ראַנד ;
ס׳טעלערל פון הימל
כאַטש דערלאַנג צום האַנט.

מזל ליגט אין פּאָדקאָווע,
האָט דאָס גליק געראָט ;
ווי געדרייט אַ ווינטמיל
ס׳כישוף׳דיקע ראָד.

רומט דערנאָך זיין גרויסקייט,
ווי די וועלט איז גרוים ;
שטעלט ער שוין דאָס מזל
ווי אַ שילד אַרוים.

שטייט אַזאַ סטאַטוע
אין אַ מיטן פּאַנטאַן ;
אַז אַן אָרעם אינגל
איז געווען דער „מאַן״.

האַלט אַ צוריסענעם שוך
אינגל אין דער האַנט,
שפּריצט דערויף דער פּאַנטאַן
מאַכט עס ווייט באַקאַנט.

שוך אין האַנט, האַלט אינגל
רינט דורך אינגלס שוך ;
נאָר מזל אויפן פּאָדעשווע
אַנגעקלעפּט האָט זיך . . .

אַזוינס האָט געטראָפן,
אַזוינס טרעפט נאָך היינט ;
האָט דאָס גליק געמאַכט גאָר
די נויט פאַר אַ פיינט.

ליגנט איז דאָס מזל
שרייען אַנדערע אוים ;
דאָס גליק איז גענומען
פון אומגליק אַרוים . . .

מאַזאָליעס

שיין האָט ער גע׳דרשנ׳ט :
אַז מאַזאָליעס אויף די הענט
זיינען ניט קיין קלענער יחוס
ווי מאַזאָליעס אויף די פּלייצעס ;
און מאַזאָליעס אויף די פּלייצעס
זיינען ניט אַ האָר געמינערט
ווי מאַזאָליעס אויפן מוח.
וואָס שפּאַרט דעם בייטל אָנצופילן —
און אַז אויך אַנדערע מאַזאָליעס,
פון די פּיאַטעס ביז די לאַפּקע־פינגער
זיינען אויך ניט ווייניקער ווערט —
און די אַלע מאַזאָליעס אינאיינעם
זיינען רינגען פון איין קייט —
דרייען זיי אַלע די ראָד פון דער וועלט —
שיין האָט ער גע׳דרשנ׳ט —
בראַוואָ ! בראַוואָ ! אַ קרענצל בלומען —
בראַוואָ ! בראַוואָ ! אַ באַנקעטל —
הורא ! הורא ! אַ באַדאַנקונג —
הורא ! הורא ! אַ באַשענקונג —
פון מאַזאָליעס, פאַר מאַזאָליעס —
אַ מתנה דעם בעל דר׳שער.

לידער פון ארום זיך

חבוט הקבר

1

ס'איז איינג דאָס שטיבל,
אַ קבר די גרויס —
ס'דאַכט מיר אַז ס'וואוינט דאָ
אַ טויטער אין זיין שויס.

אַ מת ביים לעבן !
דאָ שפּאַנט אום אין נויט,
דאָס האַרץ דאָס לעבט נאָר,
דאָס פּנים ווי טויט . . .

דער חבוט הקבר
ער ציט זיך באַזאַכט —
נאָגט, נאָגט אינם האַרץ
ווי טאָג אַזוי נאַכט . . .

ס'לעמפּל דאָס טריבע,
ווי יאָר־צייט ליכט ברענט —
ווי קדיש דער ווינט זאָגט,
עס וויינען די ווענט . . .

2

די נאַכט ווי אין קבר מיך לייגט אין מיין בעטל,
די ווענט שטיל און לאַנגזאַם זיי טריפן מיט טראָפּנס ;
מיין טונקעלעם פענסטער באַשנייט האָט דער ווינטער
אַזוי ווי אַ מצבה עס שטייט מיר צוקאָפּנס . . .

עס טראָגט דורך די קעלט זיך אַ ציטערדיק־פּרעפּלען
וואָס דאַכט זיך די ליפּן ווי ודוי זיי זאָגן ;
און מיט אַ טרער זיך פאַרמאַכן די אויגן
און ס'וועבט זיך אַ פינסטערער טרוים ביז ס'נעמט טאָגן . .

3

די פאַרהאַנגען איבער די פענסטער פאַרצויגן,
ניט פרייד און ניט וואוילטאָג די הערצער דאָ קוויקן ;
אָה, מיידעט מיך אוים מיט באַדויערנדע בליקן
עס וויל זיך די „מינעם" ניט זען פאַר די אויגן . . .

זאָל הענגען דער שפּיגל פאַרלאָפן, פאַרלאָפן :
ער קען דאָך נאָר ווייזן דאָס קלעגליכע לעבן ;
גענוג שוין מיר פינסטערע טרוימען זיך וועבן —
איך וויל זיי פאַרגעסן, עס ווילט זיך נאָך האָפן . . .

דער שפּיגל

אין מיין צימער האַלט דער שפּיגל
צו מיין האַרץ זיין אויג געריכט;
וויפלליידן ער דערזעט דאָ,
ציינט ער זיי אויף מיין געזיכט...

טייל מאָל זע איך ווי מיין שפּיגל
שטייט פאַרלאָפן און פאַרווישט;
און מיר דאַכט, ער וויל ניט זען
און קיין זאַך ער ציינט מער נישט...

הענגט מיין טריבער בליק אין שפּיגל,
איינוועגס איז דאָס האַרץ מיר שווער;
דאַכט זיך, אַז פאַרלאָפענערהייט
ווייזט דער שפּיגל אַ סך מער...

* * *

עמערס טראָפּנס טרערן
פון הימל פאַלט און טריפט;
אַ טייל — מיר געהערן,
עס שרעקט מיין האַרץ און רופט:

גיסטו ווידער וואָלקן
טרערן אויף מיין געזיכט?
קומסט מיר ווידער קריינקען,
פאַרשטעלסט די זונען-ליכט?

און אָפט ווען ס'טריפט דער וואָלקען,
פאַרדאָפּלט ווערט מיין שמערץ
מיר דאַכט: אין יעדן טראָפּן
אַ, וויינט אַ מענשענס האַרץ...

* * *

עס הוידען זיך די בוימעלאך,
האַלדזען זיך ווי ברידער ;
עס רוישען מילד די בלעטעלאך
שעפּטשען ליבע לידער.

עס וויגען זיך די צווייגעלאך
וויגען זיך און בויגן ;
און שטייען אָפּטמאָל ווי פאַרטראַכטע
פון מיין אומעט'ס שווייגן . . .

און בויגן זיך אַלץ נענטער צו
ווי זיך איינצוהערן ;
און סוד'ען זיך און סוד'ען זיך
פון מיין לאַסט דעם שווערן . . .

פריינטשאַפט

ביים ערשט-מאָל, ווען ער'ט אים באַגעגנט,
האָט ער אים פאַרבעטן צו גאַסט —
ווען ער האָט דערוואוסט, ער איז אָרעם,
האָט ער זיך געהאַלטן געפּאַסט . . .

ביים צווייט-מאָל, ווען ער'ט אים באַגעגנט,
האָט ער ווי פאַר פראָסט זיך געשרעקט :
ער האָט אים אַ „שלום עליכם“
דריי פינגער אין האַנט איינגעשטעקט . . .

ביים דריט-מאָל, ווען ער'ט אים באַגעגנט,
האָט ער זיך געהאַלטן גאַנץ ווייט ;
ער האָט אים געפרעגט וואָס פון דאָרטן —
און באַלד זיך פאַרקערט אַן אַ זייט . . .

יום-טוב-טאָג

1

יום-טוב'דיג „זיי" האָבן זיך שפּאַצירט
און פריילאַך פאַרבראַכט ;
נאָר ער האָט אין וואָכנדיג-בגד
געוואַרט אויף דער נאַכט . . .

ער האָט אַלץ די וואָכיגע זאָרגן
געטראָגן אין האַרץ ;
אים וואָלט ניט געאַרט ווען אַ וואָלקן
דעם הימל מאַכט שוואַרץ . . .

עס איז אים דער וואָכן-טאָג ליבער,
מעג דרויסן זיין נאַס ;
ער האָט אַלץ געשעמט זיך פאַר לייטן
צו ווייזן אין גאַס . . .

2

עס רעגט זיך אַ שטימונג אין מיין זעל
טוט זי זיך יום-טוב'דיג אָן ;
דער גוף נאָר אין וואָכנדיגן-קלייד
האָט זיך ניט איבער צעטאָן.

טרעפט יום-טוב אין מיטן דער וואָכען,
מיין זעל לויט די שטימונג זיך בייט ;
דער גוף נאָר אין מיטן אַ יום-טוב
גייט נאָך אינם וואָכעדיקייט . . .

פ. גודמאַן

בלומען געשפּענסטער

זילבער ווייסע ווינטער בלומען,
אויסגעמאָלט פון פראָסט און קעלט,
בליינקען דורך די קליינע שויבן
פון מיין אָרימען געצעלט.

עס כליפּעט דער ווינט מיר אין פענסטער,
איך הער און דאָס הארץ מיינס זיך שרעקט —
אַ ווער האָט מיין טונקעלן פענסטער
מיט בלומען, מיט טויטע באַדעקט ? . . .

עס כליפּעט דער ווינט און פארגייט זיך,
עס קרעכצט מיט פארצווייפלונג די נאַכט —
אַ ווער האָט מיר בלומען געשפּענסטער
אהער אויף מיין קבר געבראַכט ? . . .

אַ געבעט

דער ווינטער באַפּוצט מיר די שויבן
מיט בלומען פון פראָסט און פון שניי ;
נו, וואָס איך די הענט ריין און זאָג מיר :
„ברוך אתה" — דו ברייננסט אויך מיין „מיי" . . .

און פיל איך דעם דופט פון די בלומען —
נו, פּאַטש איך אין הענט מיר, פון מיין „שאַץ" —
נאַר, גאַטעניו, איינמאָל כאַטש בייט אוים !
גיב „יענע" דעם מאַי „היינט" אין פּלאַץ. . .

דער ווינטער

עס פרירט און שטעלט זיך אָפּ
דאָס טייכעלע אין פעלד ;
עס הויכט דעם אָטעם אויס
און גליווערט איין אין קעלט.

דאָס בוימעלע האַלט וויסט
די צווייגלאַך אויסגעשפּרייט,
זעט אויס ווי אַ סקעלעט
פאַרפרוירן און פאַרשנייט.

אַ פויגעלע פאַרשטאַרט
דאָרט אונטערן בוימל ליגט ;
און לוסטיק שפּרינגט זיך צו
אַ שוואַרצע קראָ און פּיקט.

עס בילט אַ הונט אויפן פראָסט
און קראַצט מיטן פוס די טיר,
אַ וואָגלער פלוכט אין וועג :
מיט די נויט אינאיינעם פריר . . .

עס האַלט דער פראָסט די נויט
און אירע הענט פאַרברעכט ;
און ווי מיט צאַפּענס-אייז
די פינגער-נעגל שטעכט . . .

עס נעמט מיר דורך אַ גרויל
דעם ווינטער׳ס בייזע שטיק,
די פּאַרע פונעם מויל
פאַרכאַפּט ער מיט זיין בליק . . .

עס קלאַפּט אַ צאָן אָן צאָן
מיר דאַכט דער פראָסט ער ציט :
זיין בייזע סטרונע אָן
און שמידט זיין ווינטער ליד . . .

ניט ווי עס ווילט זיך

ניט ווי עס ווילט זיך
דאָס לעבן עס גייט,
ניט ווי עס לעבט זיך
דיין ווילן באַשטייט.

דאָס שלעכטע וואָס קומט
באַגעגנסט מיט שרעק,
דאָס גוטע וואָס האָפסט
עס גייט אויך אַוועק.

און גוטס און דאָס שלעכטס
דיין לעבן באַגלייט :
דאָך ניט פאַרשפּעטיקסט
צו שטאַרבן האָסט צייט.

בלויער הימל —

בלויער הימל, גרויער הימל
ביזט אַ טיפער סוד :
היינגסטו אויבן גאָט'ס אַ פאָרהאַנג
וואָס פארהיינגט זיך גאָט ?

ווייז מיר הימל וואָס פאָרהילסטו ?
בוק איך זיך און בויג ;
ווייז וואָס שלאָפט ניט און ניט דרימלט —
ווייז מיר אָן גאָט'ס — אויג ? . . .

ווייז מיר הימל דיינע וואונדער,
גיב מיר דיין באַשייד ;
איז אַ פיטער־פאַס פאָראַנען
פאַר די זון אַ שייד ?

פוצט די זון דיך צום אוועקגיין
רויט און ראָז־פיאָלעט,
שטעקט אַפיר דעם קאָפּ די לבנה
שיקט דיר אויך אַ גלעט.

שפיגלט אָפּ דיך די לבנה
בלוילאַך ווייס ווי זייד ;
און די שטערן זיך באַהעפטן
אין דיין נאַכטיג־קלייד.

עפּען הימל אויף דיין פּאַרהאַנג
כאַפּ זיך אָן אין ווינט ;
רייט דער ווינט גאַר אויף אַ וואָלקן
פינסטער ווערט — שטאָק-בלינד.

בייטסטו הימל דיינע קליידער
טוסט זיך איבער שוואַרץ,
ווי אין טרויער נאָך אַ טויטן
קלאַגט אַזוי דיין האַרץ . . .

נאָר וואָס שרעקסטו מיט דיין דונער
שיסט אַרוים מיט היץ,
האָסט אין וואָלקן זיך פאַרלאָרן
צינדסטו אָן דעם בליץ . . .

ווייז מיר הימל דיינע וואונדער
בוק איך זיך און בויג ;
ווייז וואָס שלאָפט ניט און ניט דרימלט —
ווייז מיר אָן גאָט'ס אויג ? . . .

ניט צום הימל

ניט צום הימל מיין געבעט
זאָל פאַרטראָגן זיך אין ווינט,
וואָס קען שאַדן אויפן וועג
גאָר אַ בוים צו גאָר אַ קינד.

ניט צום הימל זאָל מיין טרער
אין אַ וואָלקן זיך פאַרגיין,
וואָס קען פאַלן אויף אַ וויסט —
צו אָפּשלאָגן גאָר אַ שטיין . . .

ניט צום הימל זאָל מיין זיפץ
אין אַ דונער ניט אַריין,
וואָס קען טרעפן ניט אין ציל —
צו גאָר טרעפן זיך אַליין . . .

די בעטן —

די בעטן דער טאָג ער זאָל קומען
די בעטן דער טאָג זאָל פאַרגיין ;
און אַנדערע ביים דעמערונג שטייען
פאַראירטע און גליוורנדיג שטומען . . .

די בעטן די נאַכט זאָל פאַרגיין,
די בעטן די נאַכט זי זאָל קומען ;
און אַלע געבעטן פאַרשטומען —
דאָס וועלטל האַלט אַלץ זיך אין דרייען . . .

עלנדקייט

פירט דאָס עלנדקייט ביי טאָג
צו דעם אָפּגרונט פון דער נאַכט ;
וואַכט אַן איינזאַמקייט אין אויג
ביז אַ פיינליכקייט פאַרמאַכט.

נאָגט אַן אומעטיקייט טיף,
וועבט דאָס עלנדקייט זיין טרוים ;
גיסט אַ בענקעניש זיך אויס
דאַכט זיך זינקענדיג אין תהום . . .

שלעפּט די טיפעניש פון נאַכט,
כאַפּסט אַן זינקענדיג אַ שטרוי —
שפּראָצט אַן אַנגסיקייט פון לייב,
קלאָגט דיין עלנדקייט אַזוי . . .

ציט אַ נשמה'דיגער פּיין
הויבט דאָס גלייכגעוויכט אין וואָג ;
פלוכסט די טיפעניש פון נאַכט,
בעטסט כאָטש גרויענדיגען טאָג . . .

ליבע און עלנדקייט

ליבע און א עלנדקייט
אין מיין הארץ איך טראג ;
דינט עסביידע פאר א וואג־שאל
אהן א גלייכע וואג . . .

דאכט זיךביידן — אוים א טייך
וואכנדיג, אין טרוים ;
שווימט די ליבע אבער־פלעך,
ס'עלנדקייט אין תהום . . .

טראכטן ביידע — טאג צו נאכט
ווער מער געפעלט ?
זינגט די ליבע צו דער נאכט,
כ'עלנדקייט עס שעלט . . .

ווילן ביידע — טאג אויף נאכט,
בייטן אלעמאל ;
מאלט די ליבע ס'גן־עדן אוים,
ס'עלנדקייט דעם טאל. . .

שטילע וועגן

אין נאַכט'ס שטילע וועגן
ליב איך מיין שטוב ;
אין טאָגס שטילע וועגן
דעם דרויסן איך ליב.

פירן שטילע וועגן
לייכטערע טריט ;
ווערט אויך אָן ראַשיגקייט
גרינגער ס'געמיט.

פילסטו שטילע גרעזלאַך
לעכצן נאָך טוי;
און די איינזאַמדיגע
ביינקען אַזוי.

פירן די נאַכט וועגן
אַזוי זיך שטיל ;
מ'רעפט זיך זיי פאַרפירן
בלינדע אין שפיל.

חלומ'ען זיך חלומות
שפעט אין דער נאַכט ;
קען זיך אָלצדינג טרעפן
וואָס זיך אָלץ דאַכט.

פירן די טאָג וועגן
ניט אזוי ווייט ;
ערגעץ צו אַ בוימל
בלויז אין אַ זייט.

האלטן זיך באשיידן
שאָטן און בליק ;
פירן נאָנטע וועגן
אַהיים צוריק.

איז מיר ליב דער שאָטן
אונטערן וואנט ;
און דאָס באַשיידענע
שטרעק איך מיין האַנט.

צוויי זאכן

איז מיין לעבן ווי אַ שאָטן —
און מיין לעבן ווי אַ גאָרטן —
נאָר וואָס שטיי איך ביי אַ באָרטן
בלויז אַ שאָטן שפיגלט דאָרטן . . .

גיי איך זוכן אויף די וועגן,
ביז די ליבע איך באַגעגן —
וואקסט אַ גאָרטן אוים פוןביידן —
וויל זיך שאָטן באַלד צושיידן . . .

און דער שאָטן נעמט זיך איילן
וויל איך מאַכן צו פאַרווײלן :
אַן אלטאַנקע אין מיין גאָרטן —
ביז פאַרגיין וועט מיין שאָטן . . .

מיין יוגנט

אין איינזאַמע שעה׳ן
מיין יוגנט איך זוך,
מיר קומט אויפן זינען
איך מיש אַן אַלט בוך . . .

די בלעטער צוריבן
אַ קנייטש נאָך אַ קנייטש
און זע דאָרט מיין יוגנט
נים ריכטיק פאַרטייטשט . . .

עס מישט זיך אין דמיון
די בלעטער פאַרגעלט —
און טיילווייז צוריסן
און טיילווייז גאָר פעלט . . .

איך מיש אין זכרון,
עס מישט זיך נים גלייך —
און כ׳שטרייך אוים פון לעבן
מיין יוגנט כ׳פאַרשטרייך . . .

* * *

וואס האט זיך אזוינס ווי א נעבל פארצויגן ?
און ליגט אין מיין טונקעלן צימער פארשפרייט ;
און האלט אויף מיין פנים אנזיכטבארע פינגער
און שטרייכט מיט די נעגל און קנייטשט פאר דער צייט . . .

וואס קנייטשט זיך און פאלדט זיך, פארשטרייכט ווער מיין יוגנט
און אום׳ברחמנות זיך כאפט פאר די האר ;
און נעבעלדיק-גרוי ווי דער הערבסט זיי אויספאלן
ווען כ׳טראכט פון מיין פרילינג און יוגנט אויף וואר . . .

צום הונדערטסטן מאל

צום הונדערטסטן מאל
דער גארטן אלץ בליט :
דאס לעבן נאר קארגט
פארגינט אזוינס ניט . . .

דער פרילינג קומט אן
באוואונדערסט מיט נייד :
פארמאגסט ניט אזוינס
וואס פרילינג באנייט . . .

דער פרילינג ניט שפארט
מיט שפע ער טיילט ;
דאס לעבן נאר קארגט
די יארן און ציילט . . .

שפעטער פרילינג

ס׳האָט א שפעטער פרילינג
זיך אין האַרץ צובליט ;
בלאָזט א הערבסדיג ווינטל
און מיין פרילינג קילט . . .

בעט איך — הערבסדיג ווינטל
ברייננ מיר ניט קיין גרויל ;
שיקט דער הערבסט א רעגן
וואָס פאַרשפּריים זיך פויל . . .

בעט איך ביי דעם רעגן
ס׳בליאונג ניט צעווייק ;
טראָגט זיך אָן א שטורם
ברעכט ער אָפּ א צווייג . . .

בעט איך ביי דעם שטורם,
יעדן איינעם בעט —
און דער הערבסט דער טריבער
פאַר מיין פרילינג וועהט . . .

שעה'ן

1

פיינליכע שעה'ן
ציען זיך לאנג ;
קלינגט מאנאטאנע
אלץ אזוי באנג . . .

פריידיגע שעה'ן
לויפן פארביי ;
ביינקט זיך נאך אלעם,
טוט אזוי וויי . . .

גייט זיך דער זייגער,
אומרו אין הארץ ;
שווינדעט דאס העלע,
ציט זיך דאס שווארץ . . .

דרייט זיך דער ווייזער
ניט אויף צוריק,
האב איך גאר ווינציג
שעה'ן פון גליק . . .

2

אייביגדיקע שעה׳ן
איינגעטיילט אין ציפער,
טעג און נעכט זיי ציילען,
טיילען זיך אין צווייען,
לאַנגזאַמע און פלינקע,
שפּילען מיט מיין לעבען
צווישען טאָג און נאַכט —
לאַנגווייליגע שעה׳ן,
איילענדיגע שעה׳ן
ציען זיך און יאָגן
און מיין אָרעם לעבן
אין דערמיט זיך רעכנט
עפּעס ווי אַ שפּילכל
פאַר ווענען אויסגעטראַכט . . .

הערבסט מאָטיוו

הערבסטיקע בלעטעלאַך מיטן ווינט זיך טראָגן,
הערבסטיקע וואָלקנדלאַך נעמען זיי באַקלאָגן ;
הויך ביז אין הימל פאַרשפּרייטן זיי זיך אויבן
און צו אַ וואָלקן אַ גרויסן זיך פאַרקלייבן,
דאַכט זיך אַ מטה, אַ שוואַרצע כ׳זע אַנטקעגן —
ווי צו אַ לויה זיי ציען פון די וועגן . . .

ציט זיך די פּראָצעסיע, ציט זיך פאַר די אויגן,
ביז גאָר דער הימל מיט טרויער ווערט פאַרצויגן :
בלעטער און בלעטעלאַך נעמען זך געזעגענען
און שטיל אַן דונערן נעמט הערבסט זיי באַגעגענען —
בוימער און בוימעלאַך די בלעטעלאַך אָנווערן,
וויינען אויס די הערבסט-צייט קיינער זאָל ניט הערן . . .

ביז די גרויע האָר

ביז די גרויע האָר פון קאָפּ
אויסגערעכנט זיך ביז ענד,
מיט די ציטערנדיקע הענט,
מיטן איינגעבוקטקייט אַראָפּ.

אָפּגעציילט זיך פון דער ערשט,
טעג געביטן מיט קליינגעלט אוים,
איז אַלץ ווינציקער אַרוים :
וואָס זאָל קלעקן פאַר דער רעשט.

אָפּגעקאַרגט זיך, ניט פאַרגינט,
האָט ער „זיך" גערעכנט צו,
קראַנקע גלידער צי דערצו
ציען ניט די לעצטע שטונד.

מיט׳ן משופּה׳דיקן געביין
זיך געטרייסט, שוין שוואַך און קראַנק :
ס׳לעבן וועט ניט דויערן לאַנג —
און געציילט דעם אויגן שיין . . .

אויף באַזוך

א

אין פיבערדיקן פּיין
ווייטאַגדיק געשטיקט,
דעם קראַנקן אויף באַזוך
האָט דאָס האַרץ דערקוויקט.

וואָס בלומען האָסט געבראַכט
וויפל צאַרטע רייד,
אַנשטאָט באַהאַלטענער שרעק
האָט אַ דופּט געוועהט.

האָט בלומענדיגער דופט
לינדערדיק געהיילט.
דעם גוף אין קראַנקן בעט
געזונט צוגעטיילט.

אין שטילן אָטעם-צוג
שוואַך און אָפּגעצערט,
דעם קראַנקן אויף באַזוך
האָט דיין טרייסט גענערט . . .

ב

האָט דער קראַנקער זיך צעוויינט :
זיי קומען !
האָט דער קראַנקער זיך צעלאַכט :
קריגסט בלומען !

האָט ער בלומען בלעטעלאַך
צוריבן,
איז אים אַלץ דאָס פֿיינליכע
פֿאַרבליבן . . .

האָט געקרימט זיך זיין געזיכט
אין ריידן,
און געביטן זיך די פֿאַרב
אין ליידן . . .

האָט געבעטן אַ שפּיגעלע
זיך געבן
און געשפּאַסט, נאָ — בלומען גאָר
ביים לעבן . . .

דער לעצטער גרוס

ציט לאנג ניט געהערט גאר,
דער אבשייד נאך באנג —
„דער לעצטער גערוס שוין"
געהערט כ'האב א קלאנג . . .

כ'האב מער ניט געפרעגט וואס —
ווי דאביי געוועזן ;
געגרוילט האט זיין „מינע"
ווי אלץ צוגעזען . . .

מיט שרעק כ'האב באטראכט אים.
דערקענט קוים ס'געשטאלט —
„דער טויט איז א גליק דארט"
געשמייכלט ר'האט קאלט . . .

טרויער

פון ווייט האט א טרויער
פארצויגן זיך שווארץ ;
און האט זיך פארקליבן
אין אייגענעם הארץ . . .

פון ווייט און פון נאענט שוין
א שלוכץ, א געוויין,
כאטש ווייט איז דאס קבר
דאך נאענט איז דער פיין . . .

כאטש ס'קבר באצירן ?
איז פרעמד מיר זיין שטעג —
און ס'וועלן די בלומען
פארוויאנען אין וועג . . .

לידער פון שיידוועג

לידער צווישן שייד־וועג

פון שייד-וועג

(צום אנדיינקען פון מיין פרוי)

א

זיבן שוואכע, קראנקע יאָרן
פון אַן אָסטמע האַרץ,
האָבן זיך צום לעצט געצויגן
אזוי ווי פעך שוואַרץ . . .

האָט געבעטען און געפליסטערט
שטיל ווי ס'קען אַ זעל ;
האַלב עס האָט אַן ליפּ געציטערט,
האַלב פאַרשטיקט אין קעל . . .

האָט געבלייכט זיך און גערויטלט,
נאָך אַ בליק, אַ שיין ;
שטיל און שטילער ניט דערדעט אַלץ :
קינדערלאַך ניט וויין . . .

ב

פון שפּיטאָל אַרויס,
צו שפּיטאָל אַריין
האָט שוין הין און צוריק
מיטגעצויגן זיך
אויס דעם לעצטן פּיין ;
ציילנדיק די טעג,
ציילנדיק די נעכט
זיצנדיקערהייט
פילנדיק דעם טויט
מאַטערנדיק זיך שווער —
און געדעט פון טויט
און געוויינט אַזוי :
נעם מיר, נעם אַהיים
שטאַרבן אויף מיין בעט
שטאַרבן אין דערהיים —
און געפליסטערט שטיל
אוי מיין לעבניונג׳ס
לעשט זיך, לעשט זיך אויס
און פאַר יעדן קינד
אויסגעווישט איר טרער . . .

ג

דיין אנזאג פון שרעק האט מיך טרויעריק געמאכט,
איך האב זיך געלאזן אין וועג אריין גיך,
מיין טרייסט זאל א היילונג דיר ברייננגען מיט זיך
ווען ווייט האט געגרוילט ארום מיר די נאכט . . .

די באן איז געלאפן א מייל א מינוט,
דער סקריפ פון די רעלסען וואס נענטער צו דיר,
עס האט זיך געטראגען ווי קרעכצן צו מיר
און פינסטערע מחשבות'ן האבן ניט גערוט . . .

מיין אויג כ'האב אין פאראוים פאר מיילן געוועגט,
א שוואכינקער שיין האט וואו ציטריק געבלייכט ;
ווי צו מיר איר אפשיידענדער בליק וואלט געגרייכט —
און כ'האב זיך געשראקן פאר ליידיקע ווענט . . .

ד

פארדעקט האט די ערד איר געביין
פארהילט אין טרויער איז מיין הארץ ;
און מיינע יתום'לאך אין שווארץ
זיך האבן אנגעטאן אליין . . .

שוין שווארץ אין טרויער אנגעקליידט,
שפרייט זיך דער טרויער ביז אין פיין ;
און דאס שפארענדיקע געוויין
פאר מיינע קינדערלאך כ'פארמייד . . .

שוין שווארץ זיך אנגעטאן אליין,
ווערט מיר מיין וואונד א קבר טיף —
דאכט מיר איך הער א שווארצען בריף
מיר קלאגט דער ווינט אין נאכט אריין . . .

ח

צוויי אין מאַמעס בעט
שלאָפן מיינע מיידעלאַך,
צוויי אין טאַטנס בעט
שלאָפן מיינע אינגעלאַך
רייסט זיך אויס אַ קרעכץ
אויס דעם מיטן שלאָף,
רייסט זיך אויס אַ שלוכץ
שלאָגט זיך אָפּ אין האַרץ,
טראָגט זיך איינס נאָך איינס
ס׳פּיינליכקייט זיך ציט —
גיי איך אום אין שטוב
האַרך צו יעדן קינד
טאַפּלט זיך מיין ווייי,
גרעסערט זיך מיין פּיין,
קלינגט דער עכאָ אָפּ
ביז אין טיפען וואונד,
זאַפּט זיך איין און זאַפּט
און עס הערט די נאַכט
אין מיין שטיל געוויין
ס׳יתום׳דיקע ליד . . .

ו

מאַמעס יאָרן — וויי און ווינד
ווי פון יונגסט ביז עלטסטן קינד:
דריי־און־דרייסיק יאָר אין צאָל,
ס'איז פאַרמאַכט צום לעצטן מאָל . . .

און אַ נאַכט טיף גרויליק שוואַרץ
האָט איר קראַנקעם אָפּטמע האַרץ,
ס'לעצטע מאָל גאָר אויפגעלויכט;
און דעם אָטעם אויסגעהויכט . . .

בלויז איין אָפּגעריסענער קלאַנג,
בלויז איין איינציגער פאַרלאַנג:
מיט אַ שטום געבעט אין מיט
אוי די קינדערלאַך מיר היט . . .

ז

איבער מיין פיין שטאַרק דיך האַרץ,
איבער מיין וויי וואַך מיין זעל,
לאָז מיין שלאָפלאָזיגקייט לאָז
ביז כ'פאַרשטיק ס'געוויין אין קעל . . .

לאָז מיין יתום'דיקער קלאַנג
כליפּען שטיל זיך הערן קוים;
זאָל מיין טרויער אין דער נאַכט
איבערגיין ווי אַ טרוים . . .

ח

שטיל טרויעריק קוקט דאָס הויז
פון באַלקען ביז די ווענט ;
דער שפּיגעל הייגט פאַרהילט,
אַ נשמה קנייטל ברענט . . .

אָן אבל אויף דער ערד
אין איוב קוקט אַריין ;
געפינט ער דאָרט זיין טרייסט
אין איובֿ'ן אַליין . . .

דאָס מיידעלע פאַרפלעכט
די האָר אין שווארצען באַנד ;
די מאַמעניו איר פעלט
אַ בילד נאָר אויפ'ן וואַנט . . .

פון קדיש ביי דעם גרוב
דאָס אינגעלע עס גייט
אין בגד'ל אַ ריס —
און שטיל דער טרויער וועהט . . .

ט

טריב אין יעדן ווינקל
וואקסט דער אומעט אוים ;
נעמט צענויף זיך קלייבן,
שלייכט מיר נאך אין הויז . . .

וואקסט ער אוים אין שאטן
ביז צום באלקן לאנג ;
ציט אין הארץ דער אומעט,
וויקלט זיך א שלאנג . . .

גיט מיין הארץ א ציטער
וואסער וואונד נאגט אוים ;
דאכט זיך מיר פון קבר
ערשט נאר וואס ארוים . . .

י

ווען א שטילער צער
שווייגט דאס גאנצע הויז,
זיצן מיינע יתומ'לאך
ריידן גאר ניט אוים . . .

רוים איך אויף דעם טרויער,
טראג אים אין געהיים,
פרואוו איך זיי פארשפילן
וואגן ניט אין היים . . .

קער איך אוים דעם אומעט
וואָס זיך דאָ צעשפּרייט ;
רייס איך איבער ס'שטילקייט,
היינג איר בילד אין זייט . . .

ריידן זיי ניט איבער
ד'פּנים'לאַך נאָך טריב,
שלייכן אַרוים שטילערהייט
איינציקווייז פון שטוב . . .

יא

אין קבר איז שטיל
דאָרט לעבט ניט קיין זעל ;
און שטיל איז אין היים
ווען כ'קום אויף מיין שוועל . . .

מיין עלענדעס האַרץ
הערט איינזאַמע טריט,
ע'ס דאַכט זיך מיר אוים
אַ קבר איך היט . . .

ווער האָט מיר געבראַכט
די שטילקייט פון גרוב,
ווער איז דאָ אַוועק ?
וואָס טרייבט מיר פון שטוב . . .

ווער איז דאָ געווען
מיין טרויער געבראַכט ?
דער טויט איז געווען
מיך עלנד געמאַכט . . .

יב

יתום׳דיקער טרויער
ביסט אַ קוואַל פון אומעט
ווי אַ דלאָט אַ שאַרפער
אויפן האַרטן גראַניט
קריצט דעם אָנדיינק אוים ;
פּונקט אַזוי מיין טרויער
דריקט אַזוי מיין אומעט
און מיין וואונד פאַרצייכנט
וואָס דער טויט אויף אייביק
האָט פון האַרץ געשיידט —
ציט מיין וואונד אין האַרצען
ביז אַהין צוום קבר,
שטעלט דער מצבה־קריצער
כ׳גראַניט שטיין צוקאָפּנס
און אַ בעט פון מאַרמאָר
ביז אַראָפּ צופוסנס ;
וועגט מיין שמערץ אַריבער
מאַרמאָר שטיין און גראַניט
מיט וואָס כ׳האָב אויף אייביק
אויסגעפּוצט באַקליידט . . .

יג

אויף דעם הארטן גראניט שטיין
גרוי און שווארץ אדורך געשפריצט ;
איז דיין נאמען אויסגעקריצט —
און ביי מיר איז ס'הארץ מיט פיין . . .

ביי דעם קאלטן מארמאר־בעט
ביז אין טיפן קבר גרונט ;
ווייעט דער טרויער פון מיין וואונד,
ווייעט נאך אין א באגלייט . . .

אויף דעם קבר מאמעס גרוב
ברייננגט א בלימל איטלאכס קינד,
פאלט א טרער פארטראגט'ס דער ווינט
אויך אהיים צו מיר אין שטוב . . .

יד

נעכט אזוינע נעכט,
נישט אויסגעטאנענע,
נישט געשלאפענע
האבן זיך ווי שאטנס געדרייט
ארום איר קראנקן בעט ;
אינם הארץ
האבן זיך די בלוטן געקילט,
אונטער אויגן דעקלאך
האט זיך דער שיין געלאשן,
יעדער צוק פון קראנקן

האָט אין נערוו געציטערט,
יעדער קער
האָט וואָס געשראָקן,
איז שוין דער טויט געלעגן
אָף שפּיץ נאָז,
האָט זיך דער אָטעם געוואָרגן
ביז שפּיץ צונג:
עפן אַלע פענסטער.

יח

נעכטלאָך שליסט דער שלומער מיינע אויגן
און מיין מידקייט שיינקט ער רו,
שפּעטער וועקן מיר אויף שוואַרצע טרוימען
פון איר גוסס׳דיקע שעה . . .

פיינליך לעב איך איבער יענע גרוילן
כ׳בעט די נאַכט אוועק זאָל גיך;
דאַכט זיך הער איך שעפּטשען אירע ליפּן
גאָטעניו אוי רעטע מיך . . .

שוועבט איר לעצט בילד מיט זעלאָזע אויגן
שעפּטשענדיק איר לעצט געבעט —
שלוכצעט נאָך ס׳געוויין מיט קינד׳ס געוויינען
נאָך איר שייד־וועג נאָענט זיך זעט . . .

יו

נאַכט — און שוואַרצע טרוימען
פייניקן מיין זעל —
קוק איך אויס דעם מאָרגן
מינוטן איך צייל . . .

נאַכט — מיט שוואַרצע טרוימען
גיבן נים קיין רו —
בעט דאָס האַרץ דאָס מידע
מאַך די אויגן צו . . .

מאָלט זיך אין דער פינסטער
אויס אַ טיפער תהום —
און אין תהום צעשווימט זיך
מיין יעדער לעבנס-טרוים . . .

יז

אין טונקעלע ימים פון טרוימען
שפיגלט זיך אָפּ מיר מיין וועלט :
מיין זון — אַזוי גרויס ווי אַ לעמפּל
שיינט מיר אַריין אין מיין צעלט.

מיין טאָג אָה, פאַרגייט מיט אַ חלום,
מיין נאַכט שוין אַנ׳אַנדערן שפּינט —
מיין קינד, זיך צוטוליענדיק — האָרכט וואָס,
שרעקט זיך פאַרן שאָרך פון אַ ווינט . . .

מיין טאָג אַ, פאַרגייט מיט אַ חלום,
לאָזט זיך די נאַכט אַראָפּ טריב ;
מיין קינד, זיך צוטוליענדיק — פרעגט וואָס —
האָב איך מיין וועלט קינדעריש ליב . . .

גייט מיר נאָך —

באַ די זייטן גאָר אַליין
און אין מיטן אַלץ אַליין,
קוק איך זיך אום ווער גייט נאָך ?
ציט דאָס עלנדקייט מיר נאָך.

באַ די טעג און נעכט פאַרגיין,
באַ די שאָטן־טריט פאַרגיין,
קוק איך זיך אום ווער גייט נאָך ?
גייט אַ בענקעניש מיר נאָך.

באַ דעם בענקשאַפט וואָס גייט אויס,
באַ די כחות וואָס גייען אויס,
קוק איך זיך אום ווער גייט נאָך ?
גייט דער טויט אַזוי מיר נאָך.

זאָג זיי

זאָג זיי :
ער איז אַ גוסס —
וועלן זיך ווייזן אַזוי פיל פריינט,
וואָס גאָר קיינמאָל ניט אָנגעזען ;
וועלן זיי זיך מיט דיר קריגן :
האָסט זיי אָפּגענאַרט —
שאַט ניט,
זיי וועלן סיי ווי מער ניט קומען.

זאָג זיי —
און לאָז זיי גאָר אויפֿן שוועל ניט אַרויף
ס'קען זיי נאָך דאָס האַרץ פּלאַצן
פֿאַר מיין פֿריילאַך געמיט ;
סיי ווי סיי וויל איך ניט זען
אַט די פֿריינט,
דאָס טויטע פֿריינטשאַפֿט
אויפֿן שטאַרבנדיקן-בעט.

אומעטדיגקייט מיינס

אומעטיגקייט מיינס
ס'פּאַפּיראָסל פּאַרציט ;
רויכערט זיך, ציט אַזוי
מיטן רויך דאָס געמיט.

ברענט אוים ס'פּאַפּיראָסל
אַשעם ביזן עק ;
און דעם לעצטן מונדשטיק
וואָס איך וואַרף אַוועק.

אומעטיגקייט מיינס
בענקענדיקע שעה ;
שווייגט אַזוי דאָס געמיט
אַשעם דעקען צו.

וועהט אין וואָלקנדלאַך רויך
אַלצדינג וואָס איך טראַכט ;
נאָר, דאָס לעצטע בענקען
זאָל ניט זיין געדאַכט . . .

פריינט —

פריינט — אין פארגלייך מיט די פינגער
סיי אין גרויס, סיי אין צאָל זיינען קליין ;
אפשר צום טויטן־בעט אפשר ?
וועט זיך וואָס גרויסן פאַר מיין געביין . . .

רעכן דאָס ניט פאַר קיין פריינטשאַפט
טויטן באַגלייטער איך האָב גענוג ;
צוויי צו גאַר דריי און אַ פרעמדער
וועלן שוין פירן דעם לייכן־צוג . . .

זאָלן זיי שטיין פון ווייטן,
קוקן נאָך מיינע פאַרגאַנגענע טעג ;
שטיל וועט מיין קינד שוין באַגלייטן,
נאָכגיין דעם איינזאַמען לעצטן וועג . . .

טויטע פריינשאַפט

פריינט מיט טויטע פריינטשאַפט
קומען נאָכן לעבן ;
נאָר — לעצטן רידל ערד —
דאַרפט איר גאָר ניט געבן.

פריינט מיט טויטע פריינטשאַפט
נאָכן טויט זיי קומען ;
נאָר — מיין גרוב דעם וויסטן
פוצט ניט אויס מיט בלומען.

פריינט מיט טויטע פריינטשאַפט
לויטער לויב דערציילן ;
נאָר — אַ טראָפּן בראָנפן —
וועט דעם שמערץ פאַרהיילן . . .

בלומען —

אייערע קרענץ בלומען —
דארפט זיך ניט באמיען:
אויף מיין גרוב צו לייגן;
איינס און צוויי זיי וויאנען,
איינס און צוויי זיי פוילן,
דארפט איר גאר ניט קומען —
זאל אווילד גראז בליען,
דערנער זאלן שטייגן,
סיי וואס איז פאראנען,
סיי וואס איז פארהוילן . . .

אייערע קרענץ בלומען —
דארפט איר ניט נאכטראגן,
ווען צו דערקוויקן,
ווען צו געפעלן,
אלע שוין פארגעבן —
דארפט איר גאר ניט קומען,
דארפט איר גאר ניט זאגן,
גאר ניט זיך אומקוקן,
ס'וועט מיין קינד שוין שטעלן
א שטיין נאך מיין לעבן . . .

קום ניט אומגעריכט

קום ניט אומגעריכט
ענדע — אויסלאָז ;
שאָטנס שוואַרץ געדיכט
עגבערן וואָס.

שאָטנס שוואַרץ געהילט —
אַ — וואָס — ווען — זיין ;
אַז דער טויט זיך שפּילט
אויף אַ האַר־שיין.

אַ — וואָס — ווייב און קינד,
אַ — ווער — וואָס — פריינט ;
אָן אַ זיי געזונט
אַ — ניט געוויינט.

קום ניט אומגעריכט
ענדע — אויסלאָז ;
שאָטנס שוואַרץ געדיכט —
שרעק ניט פאַר דאָס . . .

אינם אַנהויב —

אינם אַנהויב זינגט די פרייד,
ביז אין מיטן טאַנצט זיך צו ;
און וואָס ווייטערער אַ שעה
טאַנצט דאָס ראָד צוריק זיך דריים.

שפּילט דאָס לעבן אוים אַ ליד,
זינגט זיך צו און טאַנצט זיך צו ;
און וואָס ווייטערער אַ שעה
ווערט עס בּיסלאַכווייז שוין מיד.

שפּיגלט זיך די פאַרב און שיין
פונם אַנהויב ביז אין מיט ;
קלינגט זיך פריילאַכקייט אין ליד
ביז אין אויסלאָז אַ געוויין.

לאָזט זיך אוים דער שפּור פון טריט,
לאָזט זיך אָטעם אוים און זעל ;
ליגן פים צום טיר און שוועל —
לאָזט זיך אוים די ענדע ליד . . .

אינם אויסלאַז —

אינם אויסלאַז ווײנט דאָס הארץ
אינם אויסלאַז ליגט דער גרוב ;
שפרייט זיך אוים אַ טרויער טריב
ביז אין גאַנצן אַ ראָם שווארץ.

שרעקט דער אויסלאַז אין דערמיט,
שרעקט דער אויסלאַז פאַר דער צייט ;
שווארצער אויסלאַז ניט צושיידט —
האַק ניט אָפּ אין מיטן ליד . . . .

די צייט האָט צייט צו ווארטן

די צייט האָט צייט צו ווארטן,
מיינם נאָר איך וועל פארזאמען ;
אַ פוסטער פלויט וועט ערגעץ
מײַן וועג, מײַן וועג פארצאמען.

די צייט האָט צייט צו ווארטן,
מיינם נאָר איך וועל פארפעלן,
אַ וויסטער גרוב וועט ערגעץ
מײַן זון, מײַן זון פארשטעלן.

די צייט האָט צייט צו ווארטן,
מיינם, וואָס וועט איבערבלייבן ?
אַ פלאַכער בערגל אפשר
וועט נאָכן טויט דערהייבן . . .

זין — זינלאָז

זינען — זינען — זינלאָז !
ווערט זיך ווען, וואָס ווערען :
ווערט זיך שוין באַוואוסטלאָז
לעצטער זין פאַרצערן . . .

זעאונג — זעאונג — זעלאָז !
ווערט זיך ווען, וואָס ווייזן :
ווערט זיך אינם אויסלאָז
לעצטער שיין פאַרגלייזן . . .

ווערט א בוך דערנעבן
נאָך אין מיטן שיינען :
ווערט עס שוין מיין לעבן
סאַמע ענד אויסלייענען . . .

ווערט א לער און ליידיק
בלאַט, מיר איבערבלייבן ;
ווערט שוין ווער אויף אייביק
מיך צום ענד פאַרשרייבן . . .

ווער יאָגט זיך מיט מיר?

ווער יאָגט זיך מיט מיר?
איך יאָג זיך מיט קיינעם —
צו יאָגט דען נאָך ווער?
זיינס גלייכן, זיינס איינעם . . .

וויפיל פאַראַן איז?
דאָס „מין" אויף די וועגן,
וואָס אַלץ נאָר פאַר זיך
פאַרכאַפּט אין געיעגן . . .

וויפיל צום לעצט נאָך?
איין וועג און איין וואָגן —
נאָכ'ן „אַריבער"
אַרונטער זיך טראָגן . . .

נ ו ל

דאָס אָפּפאַל פון שטאָט
ברענט הינטערן שטאָט
אַוועק אין אַ זייט;
פון לעבן דער רעשט
פאַרפוילט ווערט אין גרוב,
צו אין רויך פאַרוועהט.

פאַרברענט, צי פאַרפוילט
דעם טויט איז אַלץ איינס,
וועגט אויף איין וואָג־שאָל;
און ציפער סיי קליין
און ציפער סיי גרויס
בלייבט איבער אַ נול . . . .

ציילט די צייט די יאָר

ציילט די צייט די יאָר
גרויען זיך די האָר ;
גרויט זיך גרוי און ווייס
ביז אין לעצטן שפּרייז . . .

ציילט די צייט ניט גלייך
כאַפּט אין מיט אַ שטרייך ;
מאַכט אַ קנייטש, אַ פאַלב
האַקט אָפּ דריט און האַלב . . .

ציילט אַזוי די צייט
ווי דאָס לעבן גייט ;
גיט אַ פּאָך אַ בייטש
נאָכן לעצטן קנייטש . . .

פירט די צייט אין וועג
פאַרט אַראָפּ פון שטעג ;
גוט צום גרוב אַ בליק
לאָזט אַראָפּ מיט שטריק . . .

ציילט די צייט די יאָר
וואַשט צום ענד אָפּ קלאָר ;
ווייַנט אַ בערגל ווייסט —
לעצטע טרער פאַרפּליסט . . .

ליכט-שאָטנדיקע-זעל

דיין פאַראויסדיקער בליק
אין ווייטן וועג זיך בלייכט ;
דיין טריט דערצו איז קליין,
דיין שפּאַן ניט ווייט דערגרייכט.

דיין שטים קלינגט גאָר ניט ווייט,
דאָס ווידער־קול קלינגט מער ;
דיין שאָטנדיקער טריט
לאָזט איבער דיין וועג לער.

דיין זעל וואָס אַלץ באַשיינט
קען ווינציק זיך אַליין ;
דער שאָטן פון דערנאָך —
איז לייגער ווי דער שיין.

דיין ביינקענדיקע האַרץ
צום רומל פאַסט זיך צו ;
דער רו איז מער דערנאָך —
ווי אין האַרץ דיין אומרו.

ליכט — שאָטנדיקע — זעל
וואָס בלייבט נאָך דיין אָפּשייד ;
דאָס פוילן דויערט מער
ווי ס'בליהונג וואָס פאַרגייט . . .

פ. גודמאַן

עס ווילט זיך מיר בייטן

עס ווילט זיך מיר בייטן דאָס לעבן
ווי אַלץ אין דער וועלט טוט זיך בייטן ;
און זאָל זיך מיר דאַכטן כ׳טו שוועבן
אַזוי ווי אַ מלאך פאַרצייטן.

זאָל דאַכטן כ׳געפינזיך אין שטויבן
וואָס טראָגן אַוועק זיך אין ווינטן ;
און זאָל זיך מיר דאַכטן און גלויבן
כ׳בין העכער פון אַלע אָפּגרונטן.

פאַרדאַכט איך אַזוי אין מיין טראַכטן
פאַרהאַלט מיך דער וועג אין פאַרצאַמען ;
טאָ זאָל כאָטש אַ שפּענדל מיר דאַכטן
וואָס טראָגט זיך אַוועק אױף די ימים.

עס ווילט זיך פאַרבייטן אין גאַנצן,
איך וויל שוין פאַרבייטן דעם נאָמען ;
נאָר ס׳וועט שוין דער טויט מיך פאַרפלאַנצן
מיך לייגן אין דר׳ערד ווי אַ זאָמען.

ווער שאַרט זיך

ווער שאַרט זיך מיט וויסטע טריט צו ?
און שפּאַרט זיך אַריין אין מיין זעל :
ווער שאַרט זיך אַזוי און זיך שפּאַרט ?
אַריין און אַרוים פון דער שוועל . . .

ווער שאַרט זיך מיט וויסטע טריט צו,
וואָס רינגלט אַ פוסטקייט אַרום ?
עס קלינגט ווי אַ ליידיקער פאַס —
די ציינער פאַרהאַקט אַזוי שטום . . .

שפּורן

אלע מיינע שפּורן
וואוהין זיי פירן
גרייכן בלויז די שוועלן,
עפענען, פארמאַכן
טיר אריין, ארויס —
אונטן נאָרעס לויערן,
סקרוכעט דער סקריפּ פון טירן,
ווי דער קרעכץ פון זעעלן:
דאכטן איבער זאכן
פון דעם „זיין און אויס"...

סקריפּן אויף די שוועלן
מיינע שטובן טירן,
נעמט זיך שוין אָפּדאכטן:
פון מיין סאמע מיטען
ציט צום וויסטן לער —
ווייסן אלע היילן
וואָס אהינצו פירן —
נאָר דעם וועג פארריכטן,
כ׳מוז דעם וועג פארהיטן
פון „אהין, אהער"...

שפּאַרעם

א

מיין שטוב האָט צוויי פענסטער מיט לאָדן,
וואָס לויערן מיט שפּאַרעם און שפּאַלטן;
און מעגסט זיך פאַרמאַכן מיט ביידן —
קענסט גאָר ניט דערינען באַהאַלטן.

מיין גוף האָט אויך לאָדן און פענסטער,
וואָס לויכטן אַרוים ווי צוויי זעעלן;
וואָס אָבער לויערן די געשפּענסטער?
איך קען ניט די שפּאַרעם פאַרשטעלן.

ב

מיינע אויגן פענסטער
מיט די לאָדן דעקלעך,
מיינע „וועגן-ווייזער"
שיינען נעבן שטערן;
נאָר פון „זיין און ווערן" —
מער פון אייערע הייזער,
ברעקלען זיך אין ברעקלעך
פאַר דעם טויט געשפּענסטער.

פּרוּווט מיר, נאָר ניט קיינער
שאַרבעלעך צו מאַכן,
שפּאַרעם צו פאַרלייגן
וועמען וועל איך שרעקן?
מלאך דומה'ס שטעקן —
סיי ווי וועל איך שווייגן
טויט אויף אַלע שפּראַכן,
לאָזט צורו די ביינער.

הייליקייטן

אייערע הייליקייטן האָב איך אויסגעבעטן,
שם׳עס נאָר געבליבן איז נאָך מיין געבעט ;
קענט איר דאָס באַגראָבן, צי גאָר דאָס פאַרברענען
ביז׳ן קלענסטן נאָגעל מיט מיין טהרה־ברעט.

לאַנג איז שוין געוואָרן מיין געבעט פאַרלאָרן,
דאַרף דען ווער דערמאָנען דאָס נאָך מיין געביין ;
ווערן הייליקייטן נאָכ׳ן טויט דען גרעסער ?
פלוכט ניט מיינע ביינער, נאַרט זיך ניט אליין. . .

אין פאַרענדערונג

אין אומבאַדאַכטקייט,
אין אומגעמאָלטקייט
איז בלויזע ליידיקייט —
אין אַלוועלטלאַכקייט,
אין פאַרענדערליכקייט
באַהעפט דאָס אייביקייט . . .

נאָר איז אין אייביקייט בלויז
דעם גוף באַשערט צו זיין ;
שרעקט דער פאַרענדערונגס־פּיין
מיין זעל מיט גאָט אַליין . . .

מיין ציפער־בלעטל

1

מיין רונדיק ציפער־בלעטל,
מיין קײַלאַכדיקע וועלט:
נאָך הונדערט מאָל זיך דרייען —
מיין ווייזערל זיך שטעלט . . .

מיין וועלט׳ס צייט־ווייזער שאַצט ניט
מיין ווייזערל אין ווערט:
אַט דרייט זיך אום מכל־מין —
פיל לענגער אויף דער ערד. . .

2

דרייט זיך אַרום מיט מיר די ערד
ביים רונדן, ראַנדן ציפער־בלאַט;
ווייזט זיך דאָס ווייזערל פאַר׳ן שוועל,
ווי דער אַנזאָגער פון שאַכמאַט,
כאַטש קייקל זיך צום ראַנד פון נול —
צי דען לאָזט זיך אוים — אַלץ איין ווערט?
און וויקלט זיך אַרום איין קנויל —
האָט דען אַלץ אַ ווייזערל פאַר דער זעל . . .

איך בין אַ ציפּער —

איך בין אַ ציפער פאַר אַ נול —
צייל איך, פאַרצענפאַך ביז גאַר ניט ;
איז בלויז מיין אַנשפּאַר אין דער מיט —
און צווישן נול מיין אַנלענשטול . . .

וועל איך מיט גאָט חלומען אויף איין שטול
און מאָלן סליידיקע פון נול —
נאָר קענסט אויך ציילן די נול מיט
און פאַרצענפאַכן דעם גאָרניט . . .

פעדער און פּאַפּיר —

פעדער און פּאַפּיר אונטערן קאָפּ און קישן,
צייכנט זיך אַ שאָטן, עפּעס וואָס אַ וועזן —
און אַ ליניע דאָ און אַ ליניע דאָרטן
נאָר די נאַכט וועט סיי ווי מיין געדאַנק אויסלעזן . . .

פעדער און פּאַפּיר — שטרעקט זיך האַנט פון שאָטן,
טוט זיך פון דער פינסטער עפּעס וואָס פאַרשטרייכן ;
און אַ צייכן דאָ און אַ צייכן דאָרטן
נאָר דער טאָג וועט סיי ווי מיין געדאַנק פאַרבלייכן ..

פעדער און פּאַפּיר — נאַכט און מיין וועזן ;
לאָזט זי דורך די פינטעלאַך, לאָזט זי דורך גרייזן —
פיבערן מיינע אַנגעצונדענע אויגן :
אוי, די דלד־אמות ביז צום אָפּגרונט ווייזן. . .

נ אַ כ ט . . .

נאַכט ! דו ביזט אַ „קעמערע“ פאַר מיין געדאַנק,
שפּאַרסט זיך דורך די קנייטשן פון מיין הויט און ביין ;
קוקסט אין טיפן-טראַכט נאָך פאַרן ערשטן שיין —
ביז דו נעמסט אויף מיין ניי-געבוירענעם קלאַנג.

נאַכט ! האָסט מיטן אויגן-דעקל זיך פאַרמאַכט
און נאָך צווישן האַנט און געזיכט זיך פאַרשטעלט
וואַרסטו אויפן געדאַנק וואָס לויטערט זיך און העלט
און נעמסט ווי אַ הייבאַמע מיר אָפּ מיין טראַכט ?

נאַכט ! דו שפּאַרסט מיר איין די ווייען פון געבורט :
ווי אַ ניי-געבאָרענע קינד וואָס שאַט דאָס ליכט ;
קען איך קוקן מיט מיין טראַכט דיר אין געזיכט :
ביזט טיף — אַן אָפּגרונט און לעבן אין דיר זיך פאַרט . . .

אַלץ און גאָרנישט

אַלץ, וואָס איז אַלמעכטיק,
מאַכטלאָז לאָזט זיך אויס;
בלייבט פון אַלץ אַ גאָר נישט —
נו, וואָס קומט אַרויס ?

אַלץ, וואָס איז פאַרהוילן,
שטענדיק פאַרשטעלט ;
נאָר דאָס, וואָס האָט קיין שיין ניט —
שיינט ניט אין דער וועלט . . .

אַלץ, וואָס איז אַלמעכטיק
שאַפט ניט אָפּ די נויט ;
קרום וואו ס׳איז דאָס לעבן —
גלייכט שוין אויס דער טויט . . .

פאַרמאָגט דאָס לעבן —

פאַרמאָגט דאָס לעבן שלאָס און ריגל
איז נישטיק גאָר דאָס האָפן ;
דען, וואָס פאַרשליסט עס און פאַרריגלט ?
אַז פאַרן טויט בלייבט אָפן.

אויף טירן, טויערן שלאָס און ריגל,
איז טוט זיך אָפּ גאָר מיאוס׳עס
דען וואָס פאַרשליסט עס און פאַרריגלט
אַז ס׳ברויכט דערנעבן תפיסות.

אויף טירן ,טויערן שלאָס און ריגל
פאַרריגלען זיך, פאַרשליסן ;
איז דאָס געמאַכט צו אוצרות זאַמלען ?
אַז ס׳ברענגט אַ בייז געוויסן.

פאַרמאָגט דאָס לעבן שלאָס און ריגל
קען ניט דעם טויט פאַרשפאַרן ;
נו, וואָס פאַרשליסט עס און פאַרריגלט ?
קען בלויז די וועלט אָפּנאַרן . . .

ליריק

ווי גרויס איז די ליריק,
ווי טיף איז דער קלאַנג,
ווי ווייט איז ס׳געזאַנג ?
דער הימל אין מיין בליק —
די ערד אין מיין טריט —
די וועלט אין מיין זעל —
דאָס לעבן אַ וועל
עס שטראָמט זיך און ציט...

ווי שוואַך איז די ליריק,
אַביסעלע שוים
און אוים איז דער טרוים —
ווי דעם אומרו׳ס טיק,
ווי אַן אויגן בליק,
וואָס זעט זיך אַרוים
אַ בערגל די גרוים,
ווי אַ פּינטעלע כיריק . . .

אין לעבנס-פאַרלויף

אין לעבנס-פאַרלויף פון די שטונדן
האָט בלאַט נאָך אַ בלאַט זיך געבונדן,
מיט גוף און נשמה אין די לידער ;
איז ס׳בוך, ווי מיין זעל און די גלידער —
נאָר שוואַך קען דאָס לירישע קלינגען ;
און קליין, וואָס אַ גרוב קען פאַרשלינגען . . .

אין לעבנס-פאַרלויף פון די שטונדן
האָט פונק נאָך אַ פונק זיך געצונדן ;
און וויל מיך אַ שאָטן פאַרשטעלן,
איז גוט זיך צו וואַרעמען ביים העלן —
און ווערט ענג מיין זעל אין די גלידער ,
שפּאַרט פאַראוים מיין שיפל און רודער . . .

בין איך מיר

פנחס דער זון פון יהודה־לייב !
טראָגסט נאָך ס׳געשפּאַן פון דיין טאַטן,
וואָס זיך געשלעפּט אין די דערפער —
שווערט נאָך דער זאַק אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס,
דריקט נאָך דער לאַסט פון זיין רוקן,
רייסן נאָך די הינט באַ די פּאָלעס,
האַווקען נאָך די הינט מיט די פּויערן :
„הע, זשידיק" !
ניי מיר אַ קאַפּאַטע —
פּאַראַכטעט נאָך טאַטנס־שטעקן זייער בילן —
הער איך נאָך טאַטנס־ברכה איבער די הענט,
וואָס ברויט פּאַרדינען —

פנחס דער זון פון רחל־לאה !
טראָגסט נאָך דעם הייליקן ציטער פון דיין מאַמען,
וואָס זיך געשראָקן האָט פּאַר אַ בייז אויג
הינטער די אויגן —
האָט זי געבעטן און געפּליסטערט פּאַר דיין שיין —
האָט זי איינגעוויקלט אין אַ טלית דיך געטראָגן
און געברענגט דיך אין חדר צום רבין ;
און מאַמעס סדור נישט פּאַרגעסן,
אַ ספר דיר געגעבן —
טראָגסטו נאָך מאַמעס ספר אין בוזעם,
שלעפּסטו נאָך טאַטנס געשפּאַן אין דיביינער,
רייסן נאָך די הינט פונם געשפּאַן —
הערט זיך נאָך אַ געשפּעט אַרום אין ספר —
האָסט גע׳ירש.נט דיין טאַטן און מאַמען
און טראָגסט זיך אַרום מיט זייער ירושה.

מיין ברונעם

איך וויל מעסטן די טיף פון מיין ברונעם
אבער קיינמאל איך וויל ניט דערמעסטן ;
פאראנען אן אפגרונט אין דערינען,
ווערימלאך און שלענגלאך דארט זיך נעסטן.

איך וויל ניט מיין ברונעם גאר אויסשעפן,
עמערווייז, בלויז עמערווייז אנגיסן ;
ס'קען א ליידיקע ברונע צום גרונט שלעפן —
ביז אנ'אנדערער קוואל וועט אנפליסן.

מיין ליד

פאר מיין אויג דאס בילד
כאלט זיך אין געדאנק ;
ווערט געבארן ס'ווארט
און פון ווארט דער קלאנג.

און מיין הארץ-געפיל
מיט'ן טאן זיך ציט ;
און א ווארט פאר ווארט
וועבט זיך אוים מיין ליד

קלינג זשע ניט מיין ליד
פאר'ן אויער פארקלינג ;
און אין ווייט, אין פרעמד
ניט א פארשעמטער זינג . . .

װעבער־לידער און באַלאַדן

די זיידענע שטאָט

1

שטאָט, די פּעטערסאָן שטאָט
לעבט אַזוי מיט גענאָד ;
וועבט אין איר איינגעווייד
טויזנטער שטיקער מיט זייד.

ציט דער פאָדעם דעם נערוו
זייד אויף זייד אין רעזערוו ;
קלעפּט ווי קליי די געדייד :
זייד און וועב־שטול און זייד.

קלעפּט זיך צום מאַרך און קלעפּט
ביז די נשמה פאַרוועבט ;
שם׳ט די שטאָט פאַר דער וועלט :
זייד, דאָ קריגט מען באַשטעלט.

2

דרייט זיך דאָס זייד פונם ראָד,
שפּינדלט און ראָדלט אין ראָד ;
טויזנטער וועבער ביים וועב
וועבן איר רום און איר לויב —
בלייבט זיי פון איבערבלייב
זיידענע טאָרבעס צום לייב . . .

לעבט זיך די זיידענע שטאָט,
לעבט זיך אַזוי מיט גענאָד :
ווײנט אין די טאָרבע די נויט —
קריכט וואָס — אַ שפּין אויף דער הויט,
וואַכט שוין די שפּין און זי היט :
ביסקל די טאָרבע פאַרציט . . .

שטעלט זיך דאָס זייד פונם ראָד.
הויבט זיך אַ זיד און אַ זאָד,
הויבט דער קולאַק זיך אַ גרויל,
פלאָנטערט און קנוילט זיך אַ קנויל,
וויקלט אַ שפּין און זי דראָט :
איבער די זיידענע שטאָט . . .

זיידן־וועבער

זיידן־וועבער, קינסטלאך וועבט איר,
שענסטע שטאָפן פלעכט איר אויס:
זילבער־ווייסע, פורפור־רויטע,
הימל־פאַרבן רייך און גרויס.

שטערן, זונען, רויזן, ליליען,
ציען זיך פאַר אייך פאַרביי —
אויסגעשניצטע, אויסגעטאָקטע,
ווי אין הימל, ווי אין מאַי.

וועבט זשע גיכער אויס די סחורות,
סוחרים וואַרטן ערגעץ גרייט —
דאַרפן זיך אין זייד אויספוצן,
נו, נו, פלייסיק וועבט דעם זייד.

איך פלעכט און וועב

איך פלעכט און וועב דעם פיינסטן זייד
פון זילבער, גאָלד קאָלירן ;
און אויג אין קאָפּ שטריינג אָן פאַרטיפט
און מוסטערן, שאַטירן.

פלעכט זיך, וועבט זיך די שענסטע בלום
וואָס פרילינג טוט פאַרמאָגן ;
און היט זיך פאַר אַ פלעק — אַ זינד !
אַן אַנשולד וועט עס טראָגן . . .

פלעכט זיך, וועבט זיך אוים וואואַלן
מיט שלייפן אין די עקן ;
און באַשיידן הילט דאָס דעק־טוך
די כלה צום באַדעקן . . .

איך פלעכט און וועב דעם פראַכט און שיין
פון הימלס ווייטע רוימען :
פון זונען־שטראַל און שטערן־גלאַנץ
ווי ווייט דעם מענטשנס טרוימען . . .

פלעכט זיך, וועבט זיך אין פאַרבן־רייך
דעם הימלס רעגנבויגן ;
און פוץ אין פּאַלאַץ אוים די ווענט
וואָס רייסן אויף די אויגן . . .

פלעכט זיך, וועבט זיך פאַר גאָט און לייט
אַ פרוכת פאַר דעם ארון ;
און די פאָרהאַנג פאַרהיינגט אַלצדינג
פאַר אַלערליי פיגורן . . .

איך פלעכט און וועב די אַרבייטס פאַן
ווי מענטשנס בלוט אין רויטן ;
און ציט און פלאַטערט אַזוי ווייט
וואו ס׳גרייכט צו אים די נויטן . . .

פלעכט זיך, וועבט זיך דעם שענסטן־שטאָף
פון אַלערליי געוועבן ;
און וועב פאַר ניי געבאָרן־קינד,
איך וועב די פרייד פון לעבן . . .

געוועבן —

וואָלענע סחורות און זיידענע סחורות,
באַוול און „צפערן" און „צעפער",
האָב איך ביים וועב־שטול געוועבט און געפלאָכטן
קינסטלאַך, ווי בצלאל אין ספר . . .

האָב איך די סחורות אין שטיקער געצויגן
אפילו פון וועב־שטול דעם פראָסטן,
לייגנער פון אייגענעם וואַנדער׳דיג־לעבן
און אין די וועלט זיך געמאָסטן . . .

פלעגט דאָס אַ שפּילכל זיין פאַר מיין יוגנט :
טעג מיט די נעכט אין איין וועבן ;
האָב איך די סחורות אין שטיקער געצויגן
לייגער פון אייגענעם לעבן . . .

האָט גאַר דער מייסטער פון מיר אַנגעקוואָלן
פּונקט ווי אַ בין אויף די רויזן —
פלעג איך אַז „אָנקענע" קאַפּעטע קריגן
און אַ פּאָר ציגענע הויזן . . .

האָב איך געוועבט אַלץ די שיינע געוועבן,
ס'האַרץ זיך צוריסן ווי פעדים ;
און אויף אַ יום־טוב האָב איך אַ פאַרשעמטער
אָנגעטאָן ערשט די בגדים . . .

וועב איך שוין היינט אויפן וואונדערלאַכן קראַפט־שטול,
יאָג זיך ווי פייל אויסן בויגן ;
זוך איך אין וועבן נאָך אַלץ אַ באַלוינונג,
נעמען שוין טונקלען די אויגן . . .

ציען זיך, ציען פון וועב־שטול די שטיקער
לייגער פון ד'אייגענע יאָרן ;
נעמען די האָר פונם קאָפּ אַזש זיך גרויען,
פאַלן שוין אויס פון זכרון . . .

זיידנצייג וועב איך

זיידנצייג וועב איך באַפּוצט און באַשיינט,
אַך ! וויפל שיינקייט, די אויגן ס'פאַרבלענדט ;
וועב איך פאַר'ן פּאַלאַץ, צו פּוצן די ווענט —
נאָר ווי מיר לעבט זיך, ניט פרעג מיך, מיין פריינד.

ס'רייצט דאָס געוועב פון די בלומען אין זייד —
פּוצט אויס זיך פּרינצעסן, שאַפט אייך געַנוס,
רוישן זאָל שלעפּע־קלייד אונטער דעם פוס ;
נאָר פון מיר טראַכט ניט, צעשטערט ניט אייער פרייד.

ס'רייצט דאָס געוועב און עס פּאַסט זיך פאַרן האַרץ,
מעג עס זיין בויגעדיק, מעג עס זיין שטייף,
טוט אָן דאָס זיידענע־העמד מיטן שלייף,
ס'וועט שוין פאַרפּוצן עס מעג זיין ווי שוואַרץ.

ס'רייצט דאָס געוועב מיט אַ שיינקייט באַלויכט ;
לאָז איך קיין שטויבעלע פאַלן אויפן זייד,
פּוצט אויס דאָס מעבל, פאַרהילט עס, פאַרקליידט ;
אַלצדינג געוועבט איז, צו וואָס איר געברויכט.

זיידן־צייג וועב איך, וועב שיפעלע, פלי —
ציט זיך זיין דרים, ווי אַ גלות שוין לאַנג —
ווערט שוין מיין האַרץ, פון אַ מידיגקייט קראַנק,
גייט גאָר פון זינען מיין אייגענע מי . . .

מיין מיידעלע

עס פרעגט מיך מיין מיידעלע איינמאָל נאַאיוו :
„איך ווייס — זאָגט זי טאַטעשי, אין שאַפּ דו מוזט גיין ;
נאָר זאָג מיר, די גאַנצענע טעג וואָס דו טוסט,
וואָס שטענדיק מוז איך זיין מיט מאַמעשי אליין ?“

איך פּרואוו איר, דעם טעכטערל געבן צו פאַרשטיין,
זי האַרכט זיך צו מיר צו מיט אויגלאַך אַזוי ליב —
כ׳דערקלער איר, כ׳מוז אַרבייטן גאַנצענע טעג
אויף אַלצדינג, וואָס מאַמעשי דאַרף אין דער שטוב.

„און מאַמעשי זאָגט מיר, אין שאַפּ מאַכסטו זייד
אויף קליידעלאַך שיינע“ און פרעגט מיך מיט ווײי :
„פאַר וואָס ברענגסטו טאַטעשי קיינמאָל אַהיים
פאַר מיר אויף אַ קליידעלע ? זע ווי איך גיי !„

נאָר איינמאָל, ווען פיבעריש ס׳קינד האָט ביינאַכט
זיך גאָלדענע טרוימעלאַך וואַכנדיק געשפּינט
כ׳בין לאַנג ביי איר בעטל מיט „מאַמעשי געוואַכט,
אַ זיידענעם קליידל כ׳האָב צוגעזאָגט דעם קינד.

איך טראַכט ביי די דאַמף־שטול : „די רויזן און ליליען,
די קונציקע בלומ׳לאַך אינם זייד,
די פּרעכטיקע אַרבייט געוועבט ווי פון פרילינג —
ווי שיין וואָלט מיין קינד דאָס געקליידט !“

נאָר ס׳האָבן אין מיטן ווי שפּאַטישע טענער
גערוישט דורך די דאַמף־שטול צו מיר:
„די זיידענע בלומ׳לאַך גיב אַכטונג, פֿאַרפֿלעק ניט,
פֿאַרגעס ניט, דאָס איז ניט פֿאַר דיר!“

עס האָט זיך גערוקט אַלץ ס׳געוועבטע אַרונטער,
געוויקלט אַרום זיך אין שטיק —
אין האַרץ אויך אינאיינעם געוועבט האָט דער ווייטאָג
און אָנגעפֿילט מיט טרערן מיין בליק.

און פּלוצלינג: געפֿאַלן מיין זודיקע טרער איז,
געצייכנט די בלומיקע זייד:
כ׳וועל קריגן צוריק פֿאַר מיין קינד דאָס פֿאַרפֿלעקטע,
געלאַכט כ׳האָב מיט איראָנישע פֿרייד!

מיין טעכטערל האָט זיך אויפֿן קול׳כל צעוויינט
ווען מאַמעשי דעם זייד האָט באַטראַכט —
„נישטאָ אויף קיין קליידל, אַ פֿלעקנדיק שטיקל
זע, טאַטעשי, וואָס האָסטו געבראַכט!“ . . .

פ. גודמאַן

מ אַ י

פרילינג אין דרויסן
גריסט אַריין די זון,
זעט זי מיך וועבן
לייב און זעל פאַרטאָן.

גריסן די שטראַלן,
נויגן זיך פאַרן בליק ;
פיל איך אַ פרישקייט
יום-טוב׳דיק זיך קוויק.

פרילינג אויפן האַרצן,
גאָר ווי ניי איך לעב ;
וועבט זיך אין זינען,
יום-טוב׳דיק איך וועב.

ציען זיך שטראַלן
אין לייַנג און אין ברייט,
גאָלדיק און זוניק
פאַנטאַסטיש אין זייד.

קלייבן זיך שטראַלן
בינטעלאַך צענויף,
דאַכט זיך עס שפּריצן
פאַנטאַגען אַרויף.

שימערט דאָס זיידנס
אין אַ פאַרבן-בלענד,
וועבט זיך מיין סימבאָל
מיט די אייג׳נע הענט.

גלאנצט מיט׳ן שימער
מוסקעלדיקע קראפט;
וועבט זיך מיין פאן אויס
פרילינג׳דיק באשאפט.

טאנצן די שטראלן
פון דער פרילינג זון,
וועבן זיך איינעט
אין מיין זייד׳נער פאן.

חוזר׳ן זיך קלאנגען:
יום־טוב׳דיקער — מאי;
פלאטערט מיין נשמה
רייסט זיך צו דער פריי . . .

פרילינג

פרילינג אין דרויסן
וועהט אריין אַ פרייד ;
וועב איך אויף „דזשעקאַרד"*)
בלומען אין דעם זייד.

וועב איך אויס בלומען,
בלימעלאַך אַ וועלט ;
אַלצדינג פון פרילינג
און וואָס אייך געפעלט.

בלומען אין פרילינג
וועב איך מיט אַ פרייד,
זאָל זיין מיט מזל
פאַר אַ חופּה קלייד.

גייט דער קלאַנג איבער
אַזש אין ווייט, אין פרעמד ;
וועב איך די שלייפן
און דאָס זיידן העמד.

בחור און מיידל
סיי פון נאָענט און ווייט,
כ'פוץ אייך אויס ביידע,
טראָגט שוין אויך מיין פרייד.

---

*) דזשעקאַרד איז אַ וועב־מאַשין וואָס וועבט אויס בלומען.

דו וועבסט ניט גענוג

געיאָגט האָט דער וועבער דעם האַנטשטול נאָכן קראַפטשטול
די נעכט אויסגערעכנט זיך קלוג —
און דאָך אין זיין דחקות געגרילצט האָט אַ שטימע:
דו וועבסט ניט, דו וועבסט ניט גענוג.

האָט ווידער געוועבט אויפן דאַמפשטול דער וועבער;
ס'וועב־שיפעלע פליט ווי אַ צוג —
און דאָך אין זיין דחקות געגרילצט האָט אַ שטימע:
דו וועבסט ניט, דו וועבסט ניט גענוג.

האָט איינגעשפאַנט זיך ביי „צוויי" דאַמפשטול דער וועבער,
צוויי דאַמפשטול נאָך אַלץ ניט גענוג!
נו, נעם שוין טו אָן אַ פּאָר שטאַלענע רעדלאָך;
און נאָכן פייל פון בויגן זיך יאָג...

ם. גודמאַן

„די פּיקעט־ליין"

צווייזוויז,
פּירוויז
גייען זיי,
שפּאַנען זיי
טריט נאָך טריט
סטרייקער.
מאַרשירן זיי
אַ מחנה די גרויס;
אַלערליי פּנים'ער,
אַ פעלקער־געמיש
— אין וואוקס און אין שפּראַך —
מישט זיך אויס,
שפּרייט זיך אויס,
שפּינט זיך אויס
— אין איין ציל —

שטראַלט אַרויס פון זיי
איין געדאַנק;
וועבט זיך אויס אַ פרייד
— פאַר אַ זיג —
קומען אָן,
קומען צו,
ריי נאָך ריי
זייד־וועבער סטרייקערס.
היטן זיי
יעדן איינגאַנג און אויסגאַנג
פון די זייד־פאַבריקן;
ריידן אָפּ,

שלאָגן אָפּ,
טייטלען נאָך:
סטרייק־ברעכער!

לויפט וואָס דורך ווי אַ שרעץ,
כאַפּט זיך אינעווייניק אַריין —
טראָגט זיך נאָך אַ פלוך;
קוקן אומווירדיקע אויגן,
דורך די גרויסע שויבן אַרויס;
און פאַררוקן זיך
פאַרן אויסגעשריי:
„סקעב"!
סטרייק־ברעכער!

שטייען בײַ טירן, טויערן
אָרדנונגס־היטער,
שפּילנדיק מיט „קלאַבּס" אין די הענט —
היטן זיי
זייד פאַבריקן,
זייד־פאַבריקאַנטן,
פאָלגן אויס באַפעלן;
בליקן נאָך
אַרייַנגייענדיקע;
אַרויסגייענדיקע;
היטן זיי, די וואָס שפּאַנען פאַרביי,
לאָזן זיך נאָך זייער ריי,
שטויסן זיי אַוועק,
טרייבן זיי,
דראָען זיי,
וואַרפן זיך מיט פויסטן
אויף דער „פּיקעט־ליין".

ניט פאר רעוואלט

1.

ניט פאר רעוואלט,
ניט פאר אומארדנונג,
האבען פאטראל וועגן זיי געפירט —
דאס האט זיי פון דער „פיקעט-ליין"
ארום די פאבריקן
פאליציי אויפגעכאפט.

ניט פאר קיין אויפשטאנד
האבען פאטראל-וועגן
ביז הינטערן סטיישאן-הויז געקלונגען
בלויז דערפאר, וואס מוטיקע סטרייקער
האבן געזונגען.

ניט פאר אונארדנונג
האט מען זיי הינטערן סטיישאן-הויז
אין די אייזערנע קעמערלאך אנגעפאקט:
בלויז צו דערנידעריקן זיי,
האבן ארדנונגס היטער געטאן
זאל זיי דאס ענגעניש דריקן,
מערער ווי אין די פאבריקן —
זאלן זיי ניט סטרייקן!
זאלן זיי ניט פיקעטן!

2.

ניט קיין רעוואָלוציע —
עס האָבן נאָר אייזערנע בעטלאַך
געבראַזגעט, געקלאַפּט,
האָבן זיך די אַרעסטירטע:
צו צען און צו צוועלף
אין אַ קעמערל
צוזאַמען געדריקט,
די בעטלאַך זאָלן הילכיקער קלאַפּן —
האָט זיך פון הינטערן סטיישאַן־הויז ס׳געהילך
אינווייניק אַריין אָפּגעשלאָגן, —
האָט אַ פּאָליציי „וואַך״
זייער פאַרשייטקייט געדראָט —
האָט זייער צאָרן זיך דערווידערט —
האָט אַ „קלאָב״ איינעם די האַנט איבערגעהאַקט,
האָט ער זיין וואונד אין אָפּגאָס געוואַשן —
האָבן אַנדערע די גראַטעס צעבויגן;
האָט זיך אַ שימפּן און בראַזגען
ביז אין דער שפּעטער נאַכט זיך געטראָגן —
און שולטער צו שולטער געפּרעסט
האָבן קעפּ אויף די אַקסלען זיך געלייגט,
שטייענדיקערהייט
געפלוכט און געדרימלט,
געדרימלט און געפלוכט
אין די אייזערנע קעמערלאַך
הינטערן סטיישאַן־הויז...

אורג משי

(באַלאַדע)

גאַנצע שטיקער וואָלן שטאָפן,
גאַנצע שטיקער זיידן שטאָפן,
האָב געוועבט איך און געפלאָכטן
נאָך פון מיינע קינדער יאָרן.

ביי דעם פּראָסט געמאַכטן וועב-שטול
און ביים וואונדערליכן קראַפט-שטול,
וואָל און באַוול זייד און „צעפער"
אויסגעוועבט אַזוי פיל סחורות.

האָבן שטיקער זיך געצויגן,
אין דער וועלט זיך אויסגעמאָסטן;
לייגגער פון מיין לעבנס-וואַנדערן
פון איין וועלט-טייל צו דעם אַנדערן.

פלעג איך טעג און נעכט אָן אָפּרו
גאַכאַנאַנד אַלץ וועבן, וועבן;
האָבן שטיקער זיך געצויגן
לייגגער פון מיין אייגן לעבן.

האָט אַ מאַסע אַזאַ שווערע
אָנגעלייגט זיך אויפן הארצן:
די געהאָרכזאַמקייט צום מייסטער —
און די מייסטערנס באַפעלן —

זומערדיקע נעכט ביים וועב־שטול,
ווינטערדיקע נעכט ביים וועב־שטול,
דאָנערשטיקע נאַכט פאַר שבת,
שאַביסענאַכט שוין נאָכ'ן שבת.

פלעגט דאָס ווידער־קול אָפּשלאָגן
פון דאָס קלאַפּן פון דעם וועב־שטול;
און אין מיטן אויך מיין ניגון
פלעגט אין שפּעטע נעכט זיך קלאָגן.

האָט אין שטוב געקלאַפּט דער וועב־שטול
און געגרייכט צו ביידע בעטן,
רעכטע זייט צום מייסטער'ס אויערן,
לינקע זייט צו מייסטערנס — נאָז.

האָב איך אָפּגעשטעלט דעם וועב־שטול
האָט אַ קאָפּ זיך אויפגעהויבן;
און געבורטשעט כ'קען ניט שלאָפן:
קלאַפּן זאָל פאַר'ן נאָז און אויערן.

האָט אַזוי געקלאַפּט דער וועב־שטול
ווי פאַר טיטום־מוק דער האַמער;
און פאַרוויגט זיי ווי אַ שלאָף־ליד
ביז געהערט האָט זיך אַ שנאָרכען —

ביז דער מאָרגן פלעגט שוין גרויען
כ'האָב די „שמיצן" אַלץ געצויגן;*)
אַזש דאָס לעמפּל זיך פאַרקאָפּטשעט
ווי עס וואָלט אויך וועלן שלאָפן.

---

*) שמיצן: באַצייכענען די צאָל איילן פון אַ שטיק

האָט געדאַכט מיר כ׳וועב צוזאַמען
טעג מיט נעכט ווערט איינס פון ביידע —
און געבענקט שוין נאָכ׳ן שבת
מיט אַ שבת׳דיקן ניגון.

האָט דער מייסטער זיין גוט-מאָרגן
מער באַגריסט מיר מיט די אויגן;
און מיט הענט נאָך אומגעוואַשן
אָנגעטאַפּט ווי גרויס מיין שטיק איז —

האָט דער מייסטער אָנגעקוואָלן
ווי עס ווערן גרויס די שטיקער;
און פאַר מייסטערן געריכט מיר:
בין אַ גרויסער „פאַרטיק-מאַכער".

האָט דער מייסטער אַ מתנה
אויף אַ יום טוב מיר געגעבן:
אַ מין קאַפּעטע פון „אַנקע"
און אַ מולטענע פאַר הויזן.

אָנגעטאָן זיך די בגדים
פון דעם אַנקע און דעם מולטן,
האָט אין הארץ פאַרדרוס געוועבט זיך
און געוואַקסן מיין פאַרשעמטקייט.

האָט געוואַקסן מיין פאַרשעמטקייט
פאַר די „טאָנטערס" און „דיגנאָלן",
פאַר די „קאָרדטן" און „קאַמגאַרענס",
פאַר די אַלערליי געוועבן.

האבן פעדים זיך געריסן,
כ׳האב פארקניפט זיי מיט די טרוימען:
וועל איך דאך געזעלן ווערן,
וועל איך דאך א מייסטער ווערן.

האט א בין געזשומעט אין אויער
ווי זי טאנצט ארום אויף רויזן —
און א שפין האט מיט איר שפינוועבס
אויף דער וואנט א פליג געפאנגען.

טריי געהארכזאם צו דעם מייסטער
בין די לער שוין דורכגעגאנגען;
און דערפילט זיך א באפרייטער
מיט דעם ווערן א געזעלן.

האט דעם מייסטער׳ס גוטע ריידלאך,
מיט די מייסטערנס איינריידן:
כ׳זאל זיך נאך א זמן פארדינגען
ביז דער זומער וועט אנקומען.

און געפרואווט מיר באלד באווייזן
פון א נעכטן — אייער נעכטן;
און זיין שוועסטער פאר א כלה
וועט ער מיר אפילו געבן.

האט דאס מיידל האלב פארשעמט זיך
אויפגעלויכטן מיט א שמייכל:
און דעם טאטן מיט דער מאמען
וועט ער אויך פאר׳ן שטיק פארקויפן.

האָט מיר מייסטערן געשאָנקען
אַ נײַ לעמפּל פאַר דעם וועב־שטול;
און דאָס לעמפּל ווי אַ קריסטאַל
אָפּגעהיט פאַר מײַנעט וועגן —

האָט אין פלאָס זיך אָנגעצונדן
מײַנע אויגן ווי דאָס גלעזל;
האָב איך אויגן — לאָמפּן־גלעזלאַך
אויך געדאַרפט אינאיינעם ווישן.

איז אַ טרער אַרויפגעפאַלן
און פון גלעזל אָפּגעשפּרונגען;
האָט אַ פרייד אַרויסגעשריען:
אוי, געפּלאַצט עס האָט דאָס גלעזל.

יעדע נאַכט איך פלעג שוין זינגען:
„איי, איי, איי, די גלעזלאַך פּלאַצן" —
און געלאַכט שוין פון פאַנטאָפל
און פון שווערע שיך־אַפּזאַצן.

האָט דער מייסטער זיך גענומען
אָפּצורעכענען מיר די שאָדנס;
און גענומען מיך אויפמאָנען:
מיט די באַגינענדיקע שעה'ן.

ווען דער שמיד נאָך מיט זײַן האַמער
האָט אין שלאָף נאָך שטיל געשוויגן;
פלעגט דער מייסטער מיך שוין וועקן:
שטיי שוין אויף דעם „שמיץ" פאַרקלאָפּן.

האָב איך זיך געמאַכט ניט הערן,
צוגעדעקט זיך איבער ד׳אויערן;
און דערשפּירט ווי ס׳גייט אַ רעגן:
איבער מיר אַ שעפּ מיט וואַסער.

האָט געדאַכט מיר ס׳איז שוין זומער
און געקריגן אָפּגעצוואָגן —
נאָר מיין זמן האָט זיך געענדיגט
מיט׳ן ווינטערדיקן שנייען —

אַ באַפּרייטער, אַ דערפרייטער,
נאָך מיין „זמן" אָן אויפגעריכטער;
און דער שניי ער האָט פאַרשאָטן
אויפ׳ן מיסט די געפּלאַצטע גלעזלאַך.

האָט דער שניי ווי ניי באַקליידט מיך
ביז אין ווייטע, פרעמדע גאַסן;
האָבן זיך די פּים געהויבן
צוגעקלאַפּט זיך אַזש פאַר שמחה.

איז דער שניי ווי מן געפאַלן
און באַנעצט די פאַרשמאַכטע ליפּן;
האָבן זיך די הענט געוואַשן
ווי מיט פרילינגס בליאונגס-בלעטלאַך.

נאָר ביז פרילינג איז געקומען
האָט מיין פרייד זיך איינגעשרומפּן:
כ׳האָב שוין לאַנג געהאַט אַ מייסטער
נאָר אַ נייעם נאָך פאַר׳ן פרילינג.

און דאָס לעמפל שוין מיין אייגנס
האָב איך העל עס אָנגעצונדן ;
נאָר דער מייסטער פלעגט אויסריידן :
וואָס איך ברען עס אַזוי ווינציק.

האָב איך זיך דערפילט אַ פרעמדער
ביי דעם מייסטער'ס טיש געגרייטן,
פרעמדער ווי אין לער ביים מייסטער
ווען זיין אייגנטום געוועזן.

ווען דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען
פלעג איך פוצן אוים דאָס לעמפל,
ווי עס וואָלט די נאַכט מיך שרעקן
האָב איך אָנגעשטעלט אַ היבער.

מיט דעם לעמפל ווי אַ שומר
פלעגט אומוואַנדערן געזעלן,
פון איין מייסטער צו דעם צווייטן
זוכן אַלץ מיין לוין אין וועבן.

נאָר דאָס לעמפעל פלעג איך ברייננגען
מיטן אָוונט גלייך אינאיינעם,
ווי פאַרן טאָג געשעמט צו ווייזן
וואָס מיין נאַכט איז אַזאַ גרויסע . . .

איז די נאַכט שוין נאָך מיין שאָטן
ווי אַ שלאַנג מיר נאָכגעקראָכן ;
און געבויגט זיך און געקרימט זיך
נאָך מיין וועזן אינם וועב-שטול . . .

האב איך זיך אין וועלט געלאזן
פון איין וועלט־טייל צו דער צווייטער,
אין די גרויסע וועב־פאבריקן
מיט די וואונדערליכע קראפט־שטול.

איינגעשפאנט זיך אלע כוחות
און די אויגן שנעל זיך טראגן,
נאך די שיצן ווי זיי פליען
אין די וואונדערלאכע קראפט־שטול

לויפט דער שיצען מיטן פאדעם
הין און צוריק אין זיין מארשרוט,
הונדערט־פופציק מאל א מינוט —
אין די וואנדערלאכע קראפט־שטול.

קלינגט ס׳געריוש ארום די וועבשטול,
ווי עס שרייט א מארק דעם האלדז אויס —
ווי א ווילדער מארק־געפילדער
וועב איך אויס א וועלט מיט סחורות.

ציען זיך ווייט מיינע שטיקער
לייגגער פון מיין לעבנס וואנדערן ;
טו איך זוכן מיין באלוינונג
נעמען טונקלען שוין די אויגן.

ציען זיך ווייט מיינע שטיקער
לייגגער נאך פון מיינע יארן ;
און די האר פון קאפ שוין גרויען,
פאלן אוים שוין פון זכרון.

ווערן שוואַך שוין מיינע גלידער,
יאָגן זיך מיט לעצטן אימפּעט ;
און די אַנגסטן נעמען שפּראָצן :
וואָס וועסטו נאָך מער אַפּשפּאָרן ?

נאָר קיין צייט ניטאָ צו דיינקען
ביי דעם וועבן, ביי דעם וועבן !
גיב זיך אָפּ אַ דין וחשבון
ווען די פּיס אַהיים מיך טראָגן.

טראָגן פּיס אַ לעבנס-מידער
דורך די געסלאַך, קרומע וועגן,
יעדער טריט אַ חשבון-הנפש —
בין אַליין מיט זיך פאַרנומען . . .

זע איך שטיקער אין מיין חלום
ביז אין הימל דאַכט זיך ציען ;
אויסגעוועבט מיט גאָט'ס-עטרה —
און מיין תפילה ניט פאַרנומען . . .

גיי איך אום אַן אָפּגענאַרטער
פון אַזוי פיל וועבן, וועבן ;
דאַכט זיך ווי צו — עבודה-זרה
כ'האָב געדינט צו גאָט און מענטשן . . . .

* * *

עס וועלן דיינע טרוימען אין גערויש פארגיין —
און יאגן וועט דיין הארץ די דאמפשטול אן לוסט:
נאר שטייגן וועט דיין ביינקשאפט, שטארקער אין דיין ברוסט
אזוי ווי עס שטארקט זיך א גוסס, זיין קינד צו זען.

און וועבן וועסטו וועבן ביזן לעצטן טאג
און אויף די זיידענע בלומען קוקען וועסטו שטום;
וועט עמיץ אפשר שיינקען אויף דיין קבר א בלום?
נאר קיינמאל אויף תכריכים ניט האבן גענוג.

און וועבן וועסטו אלץ, און וועבן אן א ציל,
רק יאגן אלץ די מעכאנישע וועבשטול מיד;
ביז רוישן וועלן זיי דיר ס'לעצטע אבשייד־ליד
און טרוימען וועסטו דארטן אינם קבר שטיל.

פירשטן-קינד — בעטלער-קינד

(באַלאַדע)

(די וועבער געווידמעט)

א

אַמאָל איז אַ וועב-שטול
געוועזן גאָר פּראָסט,
פון האָלץ און פון נעגל —
און פיל ניט געקאָסט.

דער וועבער דערמאָנט נאָך
אַמאָל אין פאַבריק:
דעם וועב-שטול דעם פּראָסטן
פון יאָרן צוריק.

און וועבער שוין אַלטע
מיט פייערדיקן טאָן,
פון וועבער פאַרצייטנס
דערציילן זיך אָן:

געווען איז אַ וועבער
פון יחוס-שטאַנד גרויס;
כאָטש פּראָסט איז זיין וועב-שטול
געשטאַנען אין הויז.

דער וועבער אַ מייסטער
בײַ זיך איז געווען:
האָט מוסטער'ס געצייכנט,
דעם „בינד" נאָכגעזען.

„געבעהמט" אויף דער קעטע,
„געליאַמט' און געקלעפּט,
געפּעדימט די שיצלאַך,
געקניפּט און געוועבט.

און ריטמיש געוויגט זיך
אין סקריפּענדן שטול,
לעם אים האָט געהוזשעט
אין שפּול־ראָד אַ שפּול.

געקלאַפּט האָט זײַן וועב־שטול
און ער האָט דאַבײַ
אַ ליד זיך געזונגען,
גאָר זאָרגלאָז און פֿרײַ.

דער „צוג" און די „לאַדע",
דעם „פּוס־שעמעל'ס טריט";
און שפּולער און שפּול־ראָד
באַוועגט אין זײַן ליד.

די גאַנצע קאַפּעליע
ווי מיט איין געפֿיל,
געהוידעט, געהוזשעט
צום שאַפֿנדן ציל.

א פרייד און אַ בשורה
געהילכט האָט אין קלאַנג —
און ער האָט געזונגען
פון קיסר'ס געשאַנק:

„איך וועב אוים מיין סחורה
און פריי בין איך מיר,
איך דאַרף נאָר באַווייזן
דאָס מייסטער פּאַפּיר.

דער קיסר באַפרייט מיר
פון דינסט פאַר דעם לאַנד;
דער קיסר זיך נויטיגט
אין שטאָף, אין געוואַנט"...*)

אין גאַס אָפּגעקלונגען
האָט ס'פריילאַכע ליד —
און די פאַרבייגייער
צום פענסטער געשמידט.

מיט שטאָלץ האָט דער נייגיער
זיין נאָמען באַרירט —
און נאָך מיט אַ נאָמען
זיין נאָמען באַצירט;

און אים אָנגערופן
„דאָס פירשטן-קינד" —

---

*) אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט באַפרייט דעם וועבער פון מי־
ליטער דינסט ווען דער וועבער האָט געצייגט זיינע מייסטער־פאַפירן

און ווי אַ לעגענדע
  האָט ווייט זיך געשפּינט:

„זיין פירשטלאַכער יחוס
  פון קיסר עררייכט“;
מען זאָגט ער געוועבט האָט — *)
  (די קרייקעס פּילייכט)...

„אַ קאָץ אַ פּאָר הויזן
  מסתמא געמאַכט“ —
עס האָבן די מענטשן
  אין הארצן געלאַכט:

צו שווערדן און ביקסן,
  צו שטאָף און געוואַנט —
אַ וועלכעס איז בעסער
  פאַר זיך און דעם לאַנד?

אפנים האָט פרייהייט
  געהאַט מער אַ ווערט;
שוין בעסער דעם וועבשטול,
  ווי טראָגן אַ שווערד.

זיי האָבן די קינדער
  פאַר וועבער געמאַכט —
האָט לערניונג, געזעלן
  פון מייסטער געטראַכט.

---

*) צווישן וועבער איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ זאָגונג, אַז דער קיסר אַליין איז אַ וועבער.

די אויגן זיך האָבן
געשפּיגלט דאַביי ;
און הערצער זיך האָבן
באַזעלט מיט דער „פריי".

דער וועבער געזעלן
מיט פרייד אויפגעלעבט,
ער האָט זיך געזונגען
אַ פרייד איינגעוועבט.

דאָס וועבער לערן-אינגל
גערירט פון דעם ליד ;
געטאַנצט האָט אין וועב-שטול
אויף „פּוס שעמעל'ס-טריט".

דעם „צוג" האָט געשלעפּט ער,
דאָס שיצל געצילט,
געקלאַפּט האָט דער וועב-שטול,
אַ הימנע געשפּילט.

ב

די פריידיגקייט אין וועבערס הויז
איז פייערלאַך געשטיגן :
געזעלן-בריף און מייסטער-בריף
מיט פייערליכקייט געקריגען :

די מייסטער-בריף מיט צערעמאָניע
זיין „צעך" אים פלעגט דערלאַנגען ;

און וועבער אין זיין וועבער־צעך
אויך צערעמאָניעל ענפאַנגען.

זיין יחוס׳קייט, זיין חשובות׳קייט
האָט שטימונגס־פול געקלונגען,
אַ פריידיקייט אין וועבערס הויז
ביים וועבן זיך געזונגען.

פלעגט שפינערן און שפולערן
און לערניונג און געזעלן ;
פון מייסטער און די מייסטערן,
פון צעך זיך אָנדערציילן.

ג

די צייט האָט געהאַלטן
דאָס שפינראָד אין האַנט,
געשפינט זיך דעם פאָדעם
פאַרן וועבערס געוואַנט.

און קליין ווי דאָס שפינראָד
געווען איז און פּראָסט,
האָט דאָס זיך מיטן וועבערס
התלהבות צעלאָזט . . .

ד

האָט דאָס שפינראָד אויסגעשפינען
אויסן רויען וואָל און באַוועל,

לאַנגע פעדים אויסגעשפּונען
און צוטיילט די וואָל אין „שטרענגען“
און דעם באַוועל אין די פאַסמעס ;
האָט דאָס טרייב־ראָד און דאָס שפּול־ראָד
אויפגעשפּולט און אויפגעטריבן,
אָנגעשפּולט די לערע שפּולן
פולע קולערס אָנגעוויקלט
און די פעדים פון די קולערס
דורכן „שער־בלאַט“ גלייך גענומען,
האָט דער שערער „קעטע־שערער“
אויף זיין „שעראַמע“ געשוירן —
האָט די זון באַשטראַלט די פעדים
מיט אַ שימער אויפגעלויכטן :
זונען שטראַלן אין די פעדים
ווי נשמות זיי באַהעפטן —
ווען קליידן זיך די גופן,
לויט די גוף׳ן די קאָלירן
גאָלד און זונענדיקע פאַרבן
מיט אַ בלענד און בליאַסק געשפּיגלט.
האָט זייער לעבן זיך געשפּיגלט —
און אַלץ מייסטערלאַך און קינסטלאַך
אויסגעשפּינען, אויסגעשוירן
שוין די פעדים גרייט צום וועבן —
און דאַביי די פרייד ביים וועבער :
שטאַרקע פעדים וועט ער וועבן,
שטאַרקן „שוס“ און שטאַרקע קעטע,*)
וועט זיך שיינעם מיטן שטאַרקן

*) „שוס“ איז דער פאַדעם וואָס וועבט זיך אין דער ברייט
"קעטע„ זיינען פעדים וואָס וועבן זיך אין דער לייננ.

וויַ די פֿאָרן זיך באַהעפֿטן ;
וועלן פּעדים מיט די פּעדים
פֿלעכטן, וועבן זיך ווי טרוימען
און געוועב מיט פֿרייד געוועבן
ווי ווייט נאַקעטקייט טוט שעמען —
וועלן הענט אַנטאַפּן ס׳וועבן
דאָס ממשות׳דיקע שיינע,
וועט זיך גוף און נשמה קליידן
אין געוועב מיט פֿרייד געוועבן
און דער וועבער, ענטוזיאַסטיש
האָט זיין קעטע אויסגעצויגן ;
און די „קעטלען" אָנגעקעטלט
פֿון איין פּאַרקען צו דעם צווייטן
וויפֿל לאַנד ער האָט געקריגן
וואָס דער קיסר האָט געשיינקט אים*),
וויפֿל איילן־לאַנג זיין קעטע
אָנגעשוירן האָט צום וועבן —
פֿלעגט ער שטאַרקן שוואַכע פּעדים,
פֿלעגט ער „ליאַמען" אויס זיין קעטע
מיט די בערשטן, „אויסגעשליכטעט" ;
האָט די זון זי אויסגעטריקנט
און געטונקט זי אין די שטראַלן —
האָט דער וועבער, מיט אַ „רעהקאַם"
„אויפֿגעבעהמט" זי אויפֿן „בעהם שטול"
און זיין קעטע אין דעם וועבשטול
אין „געשירי" אריין „געריגן",
פֿון אַ בעט־צייג ביז אַ קאַזשמיר,

*) די ערשטע וועבער איז „לאַדז" האָבן געקריגן געשאַנקען לאַנד — וואָס איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ דאָרף מיט אַ וואַלד.

פון אהויזן-צייג ביז „קאַמגאַר“
אויסגעריגן ביז אַ זיגזאַג ;
האָט ער פוס-שעמלאַך געבינדן :
מיט אַ „באַסט“ און מיט אַ „מאַרין“,*)
מיט אַן אַטלעס און אַ דיגנאַל,
אויסגעשנורט זיי מיט זיין מוסטער —
און זיין פוס-טריט מיט אַ סדר
האָט די פוס-שעמלאַך אין וועבשטול
איינס נאָך איינס אַראָפּגעטראָטן,
פאָך נאָך פאָך אַראָפּגעצויגן ;
אין איין האַנט אַ „צוג“ געהאַלטן
האָט דעם שיצן מיטן פאָדעם
דורכגעצילט און דורכגעוואָרפן ;
און די צווייטע האַנט די „לאַדע“
האָט ער צוגעקלאַפּט דעם פאָדעם
האָט געפלאָכטן און געוועבט זיך
שוס און קעטע זיך צוזאַמען —
אין געזאַנג פון „פירשטן-קינדער“
האָט די אַרבעט זיך געטראָגן :
שפּינען, שפּולן, שערן, וועבן —
אין געזאַנג פון פירשטן-קינדער :
שפּינער, שפּולער, שערער, וועבער,
מייסטער, לערניונג און געזעלן
האָט די מייסטערן געהאָלפן :
„אויסגעגופּט“ געוועבטע שטיקער —
און דער קלאַנג האָט זיך געטראָגן

*) באַסט, מאַריז, אַטלעס, דיגנאַל זיינען בלויז אַ טייל נעמען וואָס מען רופט אָן דעם „בינד“ וואָס וועבט אויס זיין סאָרט שנור אויף דער סחורה.

פונם וועבערס הויף און ווערק־שטוב,
האָט אין הויף, אין גאַס געקלונגען;
און דעם נייגיער צוגעצויגן,
פאַר דעם לאַנד און פאַר דער פרייהייט
וואָס דער וועבער האָט געקריגן
האָט עס שטימונגספול געקלונגען
פאַר דעם וועבערס, מייסטער לעבן —

ח

האָט טיבאַס פון וועבער דערהערט,
האָט טיבאַס געקלוגט זיך געשייט:
„דער קיסר פון דינסט דיך באַפרייט"
געשפּיצלט זיך האָט זיין געדאַנק;
נ׳, לאָמיר פאַרגלייכן דיין קלאַנג,
צי קלינגט עס ווי ס׳רענדל מיינס קלינגט?
האָט טיבאַס געהערט ווי ער זינגט —
און ער האָט פאַר זיך וואָס געקלערט...

ו

האָט טיבאַס געפּלאַנט שוין
פאַרן רענדל די גרויס,
איך קויף אָפּ דיין יחוס
מ׳טן וועב־שטול אין הויז...

איך וועל שוין באַקליידן
אַ וועלט מיט געוואַנט;
מען דאַרף נאָר בלויז נעמען
דאָס שפּינראָד אין האַנט...

און גאָלדענע פעדים
געזען שוין אין טרוים,
ווי ס׳שפינט זיך און וועבט זיך
אַ גאָלדענער זוים.

האָט טיבאָס זיין חלום
מיטן רענדל באַשיידט ;
און פלייסיג גענומען
באַדינגען די לייט :

„אַ רענדל אין פאַראוים
דאָס גיב איך אייך שוין ;
און גרעסער, פיל גרעסער,
עס וועט זיין דער לוין.

איך שיינק אַ פאָר איילן
פון שענסטן געוואַנט״ —
און ס׳רענדל אין פאַראוים
געשטעקט זיי אין האַנט.

האָט טיבאָס זיך אַלץ צוגעהערט
און טיבאָס האָט סתם שוין געטראַכט :
דאָס שפינראָד עס שפינט שוין צו זאַכט
און שפינראָד צום ווינטמיל פאַרגלייכט —
האָט טיבאָס זיך גיעריג געגרייכט :
מען דאַרף גאָר אַנטרייבן דעם ווינט,
עס וועט זיך שוין דרייען געשווינט —
אַזוי האָט זיך טיבאָס געקלערט . . .

האָט טיבאָס געצויגן
פון שפּינראָד דעם דרים
און שפּינער און שפּולער
און וועבער נאָך אים.

געטראָפן פאַרזוימטע
אַ שעה, אָדער צוויי —
האָט טיבאָס געדרעט אַלץ
און פאַרגעזאָגט זיי :

„פירשטן־קינדער קומט אַהער,
ווער אַ רענדל וויל נאָר מער,
צי אַ פּרעמיע אַ געשאַנק ?
דאַרף נאָר האָרכן מיין פאַרלאַנג :

„וועב נאָר, שער נאָר,
שפּול און שפּין
און מיין פּרעמיע
נעמט אין זין

ווערט נאָר פלייסיג און געווינט" —
און געלאַכט פון פירשטן־קינד . . .

האָט טיבאָס געשייטקייט
געשאַרפט זיך אין בליק —
און זשעדנע געמאָסטן
די איילן פון שטיק . . .

ז

האָט טיבאַס געזען אַז
עס גייט כּאַדאַראַם,
און ס׳שלעפּט ווער צוריק־זוועג
צום ווערק־שטאַט און קראַם.

געדרייט ר׳האָט זיין קעטע
מיטן גייען גאַר געניט ;
און האָט באַלד פאַרטשעפּעט
אַ שלאַנג נאָך די טריט.

איך גיב אייך מיין קעטע
אַהיים פון פאַבריק,
און צאָל אייך אַ רענדל
פאַר וועבען אַ שטיק.

געדרייט האָט זיין רענדל,
ווי ס׳אויג אין זיין קאָפּ ;
געשיקט עס געוואָרפן,
אַרויף און אַראָפּ.

ח

ס׳האָט טיבאַס פון ווערקשטאַט
און קרעמל געלאַכט ;
געהערט אַז אַ „וואונדער"
האָט ווער אויסגעטראַכט ;

א דאַמפּשטול, א דאַמפּשטול
וואָס לויפט ווי א רוח —
און האָט באַלד דעם וואונדער
באַטראַכט שוין פאַר זיך . . .

ט

אָנגעפּראָפּט מיט רענדלאַך
טיבאָס האָט געזונגען:
„מאַרך און געהירן
פונם ערפינדערס גייסט —
קויף איך אָפּ פאַר רענדלאַך
וואָס מיין מאָגן שפּייזט.

י

מיט געקאַרגטע רענדלאַך
טיבאָס האָט געדונגען:
האָט ער אויסגעמויערט
א פאַבריק פון דאַמפּשטול,
וועבער זאָלן וועבן
סחורות גאָר א סך —
האָבן איינע, ד׳אַנדערע
באַלד די נײַע צוטראָגן;
און גענומען קוקן
ביז ארויף צום קוימען —
און זיי האָט געשראָקן
ד׳וואונדערלאַכע „זאַך" . . .

יא

פיר גאַרנדיקע הייזער,
מיט רויטע ציגל מויערן;
מיט קליינע קברים שטיבלאַך,
וואו דער טויט טוט לויערן.

טיבאַס האָט געמויערט
נאָך די דאַמף פאַבריק,
האָט ער זיי פאַרדונגען
לויט דעם פרייז פון שטיק.

האָט די נויט זיך דאָרט געשפינט:
גיי שוין וועב מיט ווייב און קינד . . .

יב

ס'האָט אליין אַ פייפער
טיבאַס אויסגעטראַכט —
האָט דער האַנט־שטול וועבער
איראַניש געלאַכט . . .

האָט גערופן ס'פייפן:
גיכער, ניט געפוילט —
האָט דער דאַמפשטול וועבער
דעם דאַמף־שטול געאוילט.

האָט געשראָקן ס'פייפן
ווי אַ טייפליש־שפּיל —
און האַנט־שטול נאָכן דאַמפשטול
האָט געיאָגט אָן ציל . . .

יג

האט געוועבט דער האנט־שטול וועבער,
אויסגעוועבט זיין נויט;
און געזונגען פון א קעטע
מיט א שטיקל ברויט:

א וועבער בין איך א יחסן־קינד,
מיין סחורה גייט גאנץ ווייט;
וואס קומט מיר אבער ארויס דערפון?
איך האב ניט אויף קיין מאלצייט.

מיט מזל די קעטע כ׳האב אהיים געבראכט,
מיין ווייב און קינד צו דערפרייען —
האב איך צום מאל ניט צו באצאלן:
די קעטע אנצודרייען —

מיט מזל די קעטע שוין פארגעריכט
פון הונדערט, צוואנציג איילן;
נאר טיבאס זאגט אז כ׳זאל ניט „מאטצן"*),
וועט יעדן פאדים ציילן.

יד

האט געיאגט דער האנט־שטול וועבער,
ביז אין האלבע נאכט געוועבט:
און דער שלאף אויף זיינע ברעמען
האט די אויגן אים געקלעפט.

*) מאטצן עפעס ארונטערנעמען

איז זיין „צוג" פון האַנט געפאַלען
גלייך איר קראַפט וואַלט אויסגעפעלט.
אַזש אין מיטן פאַך דעם שיצן
דורך זיין דרימל אָפּגעשטעלט.

אויסגעריבן זיך די אויגן,
נאָך ניט פאַרטיג איז דאָס שטיק —
און געפלוכט האָט ער דעם דאַמף־שטול
מיט די גאַנצע וועב־פאַבריק . . .

יח

יעדן זונטאָג אין דער פרי
האָט דער גלאָק געקלונגען :
בעט צו גאָט און טיבאָם דיען,
קריגסט אַ דירה, קריגסט אויף ברויט —
טיבאָם צאָלט דעם קיסר צינז,
טיבאָם שיינקט אויך וואָס אומזיסט —
און אַ גרוב אויף נאָכ'ן טויט. . .

יט

אין אַ הויז — אַ פּאַלאַץ
ווייט פון וועבער'ס אויגן,
האָט פאַרצייכנט טיבאָם
אויפן בלאַנקן בויגן.

יעדע גנאָד און וואוילטאַט
וואָס ער האָט געגעבן —

און געציילט די צאָלן
צינזן פונ׳ם לעבן. . .

יז

האָט טיבאָם געוואַקסן
געהויבן זיך הויך —
און פון זיך געבלאָזן
ווי דער קוימען זיין רויך.

דאָס ראָד און דער רימען
און איטלאַכע שרויף,
זיי האָבן ווי אינאיינעם
גערעדט זיך צונויף;

אין רוישיקע טענער
צום וועבער דערגרייכט:
מיר מאַכן דאָס וועבן
אַלץ גרינג דיר און לייכט.

„און דו אָרעם
וועבער קינד;
מאַכסט פון וועבן
גאָר זיך בלינד.

און דיין בגד
ס׳לייב פאַרהילט,
ווי אַ טאָרבע
פאַר אַ שילד.

פופצען שטונדן
אין מעת-לעת —
מאַכט עס בלייך דיך
ווי א מת.

גייסטו קרענקלאַך
צו דיין הויז,
וועבסטו תכריכים
פאַר זיך אויס".

יח

אים האָט ס'רוישן
געגרילצט אין הארץ —
און די טענער
געמאָלן שווארץ.

יאָגן רימענס
גרויס און קליין,
טרייבן רעדער
מיט די ציין —

ס'לייב געגעסן
האָט אים געדאַכט,
פון פארניכטונג
אלץ געטראַכט.

יט

גערוישט האָט דער דאַמפשטול,
דאַביי אזוי מיד

דער וועבער געברומט האָט:
א פלוכנדיק־ליד. . .

כ

פרי, באַגינען פאַר דעם וועבן,
שפּעט אין אָוונט נאָך דעם וועבן
האָט דאָס פייפן פון פאַבריקן
פריי געלאָזן און גערופן
מיט אַ גרילצנדיק געשריי —
און די וועבער — אויסגעבלייכטע,
אָנגעקליידטע ווי די בעטלער,
ווי פאַר'ן טאָג זיך וואָלטן שעמען —
זיינען שאָטנדיק פאַרשוואונדן,
ווי א בייטש וואָלט שרעקן זיי. . .

כא

האָט געוועבט דאָס וועבער־קינד
הכנעה'דיק און מוטלאָז־שטום
און פון פירשטן, „פירשטן־קינד"
אויסגעלאָזט האָט זיך דער רום.

האָט ער צוויטן נאָכגעשלעפּט
ביז אהיים אין אָרמקייט —
און א בעטלער, „בעטלער־קינד"
האָבן פינגער נאָכגעטייט. . .

האָט דער צאָרן אויסגעוואקסן
מיט דעם וועבער'ס שווערע לאסט;

און ער האָט אין זיין פאַרצווייפלונג
בלויז דעם דאַמף־שטול נאָר געהאַסט.

כב

עס האָט זיך געטומלט
אין װעבערשן־צעך:
„מעכאַנישע װעב־שטולם
צוברעך זיי, צוברעך!

אוועק זאָל צום טייפל
דער שטול מיט׳ן דאַמף!"
און ווילד האָט די מאַסע
געלאָזט זיך אין קאַמף.

כג

די פאַבריקן צונטער־רויט,
וואו געוועבט האָט זיך דער טויט —
הייסע דאַמפן אויסגעשפריצט
און די מאַסע מער צוהיצט —

אזש די ציגלדיקע־ווענט
האָט די שנאה דורכגעברענט.
מיט אַ מאוים׳דיק געבריל,
אין אַ ווילדן פלאַמן שפּיל.

כד

פון טיבאַס פאַבריקן
צום פאַלאַץ מען פירט:

צובראָכענע דאמף־שטול
מיט בלוט אויסגעשמירט.

האָט טיבאָס אין פּאלאץ
א ציטער געטאָן;
אַ בליץ — האָט דערגרייכט דאָס
פון פּאלאץ צום טראָן:

„עס האָבן די בעטלער
צעיושעט זיך ווילד,
געלאכט אוים דעם גלח
מיטן הייליקן בילד!“

גנעדיק געוועזן
דעם קיסר׳ם פארלאנג:
וואָס דארף דען א בעטלער?
אים שיינק א געשאנק...

כה

נאָכ׳ן קאַמף — זיין לאסט פאַרגרינגערט
האָט געוועבט דאָס פירשטן־קינד;
און זיין נאַרישן פאַרברעכן
איינגעקריצט זיך ווי א זינד.

האָט געבויגט זיך פאַר דעם דאַמף־שטול,
מיט זיין טאַט זיך אַלץ געשעמט —
נאָר פון פירשטן־קינד — אַ בעטלער
נאָך ביז היינט צו טאָג אים קלעמט.

כו

וועבט דער וועבער
זינגט ער היינט:
ניט דער דאמף־שטול
איז דער פיינד —

ניט פאר'ן קיסר'ס
דינסט אין לאַנד;
דאַרף איך וועבן
מיין געוואנט —

בלויז וואָס טיבאס
אויסערוויילט:
אלע פארבן
פון דער וועלט —

וועב איך פעדעם
אלערליי,
פעדעמע־איין
איינס און צוויי —

שפול און שיצן
פאַר־צונויף,
ציט דעם פאָדעם
אין זיין לויף —

פרואווט נאָר מעסטן
אוים די ליינג
האלט די אויגן
אָנגעשטריינגט.

טיבאַס אָבער
ניט פארגעסט,
וואָס איך וועב אוים
טיבאַס מעסט —

מעסט ער אויסעט,
מעסט ער איין —
טיבאַס מאָס איז
גרוים און קליין.

וועבט איין דאמף־שטול
ניט גענוג,
שפּאַן איך איינעט
„צוויי אין צוג:"

כז

צוויי אייזערנע דאמף־שטול,
דער וועבער אין מיט;
ער וועבט אויף זיי בײדע
און ברומט צו א ליד:

טו קניפּן די דרימן
און פעדעם נאָר איין,
די שפּולן זיך רייסן,
די קעטע געמיין

וואָס שוואַכער די פעדעם
אַלץ שווערער דער לאַסט,

א לאַז און א שטעל אָפּ
דעם דאַמף-שטול אין האסט.

איך קניפּ און איך פּעדעם
דער רוקן אזש ברעכט,
דאָס פּנים אין גרימען:
דאָס וועבן גייט שלעכט.

דער דרים און דער פאָדעם
מעג פּעסט זיין געדרייט;
נאָר סיי ווי וואָס קריג איך?
איך שעם זיך פאר לייט.

צוויי אייזערנע דאַמפּשטול,
איך וועב און איך וועב,
אין לונג ווערט אַ שפּארע
מיט שטויב זי פּארקלעפּ.

מיין סחורה איז פּרימע,
איך קריג מיר אַ לויב —
און כאַפּ אָפּ דעם אָטעם
און אָטעמע שטויב.

איך וועב אוים מיין סחורה,
זי גייט שוין גאָר ווייט;
נאָר סיי ווי וואָס קריג איך
איך שעם זיך פאר לייט.

עס פליען די שיצלאך,
זיי יאָגן גאלאָפּ,

עס הוזשען די דאַמף-שטול,
זיי רוישן אין קאָפּ.

איך ציפּ אָפּ די דרימן
און ווייש אָפּ דעם „מאָך";
און דרימן און צויטן
זיי שלעפּן זיך נאָך...

כח

וועבט דער וועבער
זינגט ער היינט:
נישט דער דאַמף-שטול
איז דער פיינד —

ניט פאַר'ן קיסר'ס
דינסט אין לאַנד;
דאַרף איך וועבן
מיין געוואַנט —

בלויז וואָס טיבאָס
מיר באַפעלט;
אַלע סחורות
פון דער וועלט —

וועבט אין דאַמף-שטול
ניט גענוג,
שפּאַן אין איינעם
„צוויי אין צוג" —

שפּאַן איך איינעם
זיך אין יאָך,
טיבאַם אָבער
וויל אַלץ נאָך . . .

כט

אין די וועב־פאַבריקן
ביי די וועב־מאַשינען ;
שקלאַפן גאַנצע מחנות,
גרויס און קליין זיי דינען.

טראָגט זיך אַ געמורמל
אין אַזוי פיל שפּראַכן,
ווי אַ דור־הפלגה,
גאָר ניט ווי אין גלייכן.

וועבן זיי און וועבן
אויס אַ וועלט געוועבן,
וועבן זיך די נויטן
פון דעם אייגן לעבן.

גייען די קרעכצן, קללות
אין דעם רויש און טומל —
און די שטויסן סחורות
גרייכן אויש אין הימל.

אוי אזוי פיל סחורות
אָנגעוועבט אין נויטן —

גרילצט ס׳פאַבריקן־פייפן,
וועקט אזש אויף א טויטן.

אוי אזא באַלוינונג
ס׳וועט אמאָל זיך בייטן;
און באַצאָלונג קריגן
פאַר די אַלע צייטן —

ל

עס רוישט און עס הוזשעט
דער קראַפט־שטול זיין ליד,
פון שטאָל און פון אייזן
דער קלאַנג איז געשמידט.

דאָס ליד איז א גרויסעס,
דערציילט אַזוי פיל:
פון וועבער און וועבן —
פון וועבן דער ציל...

וועבער

טאָג־וועבער !
נאַכט־וועבער !
און די, וואָס וועבן טאָג און נאַכט —
צוויי־וועבשטול־וועבער !
דריי־וועבשטול־וועבער !
און די, וואָס וועבן אויף אַלע פיר —
וועבן ! וועבן ! וועבן !
ווי ווערט נישט מיאוס דאָס לעבן !

פייפן פאַבריקן באַגינען,
פייפן באַטאָג,
פייפן באַנאַכט,
טאָג־וועבער — נאַכט־וועבער —
וועבן ! וועבן ! וועבן !
ווי ווערט נישט מיאוס דאָס לעבן !

פייפן פאַבריקן אַ גאַנץ יאָר
ביז האַלבע נאַכט פון ניי־יאָר.
לאָזט דאָס ניי־יאָר וויסן די וועלט:
אַז די וועבער האָבן די וועבשטול
שוין אָפּגעשטעלט —
פייפט צוועלף באַנאַכט דאָס נייע יאָר
אוים דאָס אַלטע יאָר —
נאָר פייפט באַלד באַגינען :
ניי־יאָר !
אַלט־יאָר !
איין שוואַרץ יאָר !
וועבן ! וועבן ! וועבן !
ווי ווערט נישט מיאוס דאָס לעבן !

אינהאַלט:

לידער פון היים און פאַבריק

זייט

ס'ווערט איינגעבויגעז (מאָטאָ) — — — — — — — — — — — — —
אויף די וועגען — — — — — — — — — — — — — — — — 5
איבערן שטעטעל — — — — — — — — — — — — — — — 6
מיין הארפע — — — — — — — — — — — — — — — — 7
אַ קלאַפּן, אַ רוישען — — — — — — — — — — — — — 8
בייגקשאַפט — — — — — — — — — — — — — — — — 9
צום וועק זייגער — — — — — — — — — — — — — — 10
אין דער פרי — — — — — — — — — — — — — — — 11
אין שאָפּ — — — — — — — — — — — — — — — — — 12
פון דער ארבעט — — — — — — — — — — — — — — "
נאָך דער ארבעט — — — — — — — — — — — — — — 13
אַן ארבעט — — — — — — — — — — — — — — — — 14
קריזיס — — — — — — — — — — — — — — — — — 15
וואַקיישאַן — — — — — — — — — — — — — — — — 16
פרעגט ער אים — — — — — — — — — — — — — — "
דער ווינטער צום ארבעטער — — — — — — — — — — — 17
די מאַמע — — — — — — — — — — — — — — — — 18
דאָס קליינע מאַמעלע — — — — — — — — — — — — 19
אַ בילד — — — — — — — — — — — — — — — — — 20
די מוטער — — — — — — — — — — — — — — — — 21
צו אַ דעי־נוירסערי קינד — — — — — — — — — — — 22
דער שקלאַף און דער ווייסל — — — — — — — — — — 23
פאַבריקן לעמפלאַך — — — — — — — — — — — — — 24
צוויי ימים — — — — — — — — — — — — — — — — 25
אויף אַ צעבראָכן בייגקעל — — — — — — — — — — — 26
איך בין אַ שומר — — — — — — — — — — — — — — 27
דער טריבער הימל — — — — — — — — — — — — — 28
לעבנסמידע חלומות — — — — — — — — — — — — — 29
עס איז אַזאַ טאָג געוועז — — — — — — — — — — — 30
ווענען — — — — — — — — — — — — — — — — — 31
שטינן — — — — — — — — — — — — — — — — — 32
אין נעשפּאַז — — — — — — — — — — — — — — — 34

לידער פון בייגקען און אומרו

עס צירן זיך לידער — — — — — — — — — — — — — 37
עס שפּילן זיך לידער — — — — — — — — — — — — "
דאָס לעבן אַ קיים — — — — — — — — — — — — — 38
ניט אַליין בין איך — — — — — — — — — — — — — 39
שאָטן מיינער — — — — — — — — — — — — — — — 41
אַלץ וואָס איז פאַרטונקעלט — — — — — — — — — — 43

זייט

שפליטערן — 44
תפילות — 51
אומרו — 52
אומרו — 54
בארג ארויף און בארג אראפ — 55
אויף די וועגן — 57
וואס גייט הינטער מיר — 58
גראשנדיקע נשמות — 59
זיי גייען — 61
די אפשפיגלונג — 62
איך האב זיך פארטראכט — 63
איך האב זיך פארגעסן — 64
פאר א שטונדע רו — 65
זיבן טעמעס — 66
טראכטעניש — 67
גוט אזוי — 68
בארג ארויפצו — 70
שפראצונג — 71
יעדעס ליכט־שיין — 72

פאלקס מאטיוון

די מאמע — 75
כ'ליב א שיינע מיידעלע — 76
מאמעשי באוויין מיך ניט — 77
ליבע מאטיוו — 78
צום גאסט־געבאט — 79
אז די חתן־כלה — 80
„האנימון" — 81

א קראנץ לידעלאך

א פארשפיל אזא — 82
חופה מארש — 83
א קראנץ בלימעלאך — 86
א קראנץ לידלאך — 87
צו מיין קינד — 91
קינדער שטימעלאך — 92
בלימעלאך און מלחמה'לאך — 93

מעשה'לאך און לידלאך

פיר צייטן רעגן — 97
ערב פרילינג — 99
א טראפן טוי — 100
וואלקנדלאך — 101
טייבעלאך — 102
דער רעגנבויגן — 103
א קינד נאכן שאטן — 104
א קינדערשער שכל — 105
האלבע נאכט — 106

זייט

דאס אינגעלע — 107
דאס גלעקל — 109
א לעקציע אין וואלד — 111
אוצר׳לער מיט גאל שטיינדלאר — 114

לידער פון תהום׳ען און הויכן

אדם — 119
דער שכור — 1221
תאוה׳דיקע גלוסטן — 122
דער מענטש — 123
זי און ער — 125
שטיף־מאמע — 126
אזוי לאנג — „
לידיק איז דער טיש — 127
נאכן פארגעבונג — 128
אויף די אייגענע וועגן — „
עס האט מיין נשמה — 129
כליאפע רעגן — „
לאד מיין הארץ — 130
וועלט דו גרויסע — 133
פארצי זיך — 134
פון דער הויך, פון דער טיף — 135
נעדענק — 136
דרייט זיך ביזן קנאפל — 137
מויזנט נויטן — „
דריי בילדער — 138
רייד — 141
א יריד — 143
מוטער און קינד — 144
דאס מאדעל — 145
דאס בוך — 146
די וועלט — 147
אינם מוזעאום — 148
די צייט — 149
מיין קעמערע — 150
דער טעלעגראף — 151
ראדיא — 152

לידער און עפיגראמען

דאס ווארט — 155
א ליגן — „
בארימעריי — 156
ענדע ווארט — „
גרונטשטיין — 157
קליינליכקייטן — „
זומפ און פרעש — 158
שוועכלינגע — „
נארעשקייטן — 159
נישטיגקייטן — „

זייט

צוערשט ליב איך — — — 160
דיינע אויגן — — — "
דער טורם און דאס פלעקל — — — 161
ניט אלץ מיט א מאס — — — "
סקאצל מיטן שפאקטיוול — — — 162
נים אלץ — — — 163
לידער זיינען — — — 163
עס טרעפט אמאל — — — 164
דאס קליינלאכע — — — 165
דער איידעלער רעצענזענט — — — 166
אזוי און אזוי — — — 167
קאליקעס — — — 168
פלעקלאך — — — 169
שאנדרע־באגדרע — — — 170
א גיפטיגע פליג — — — 171
די קאץ און ס'פייגעלע — — — 172
שפילט דאס לעבן — — — 173
א שאד דאס ראד — — — 175
מזל — — — 176
מאזאליעס — — — 178

לידער פון ארום זיך

חבוט הקבר — — — 181
דער שפיגל — — — 183
עמערס טראפנס טרערן — — — "
עס הוידעו זיך די בוימעלאך — — — 184
פריינטשאפט — — — "
יום־טוב־טאג — — — 185
בלומען געשפענסטער — — — 186
א געבעט — — — "
דער ווינטער — — — 187
ניט ווי עס ווילט זיך — — — 188
בלויער הימל — — — 189
ניט צום הימל — — — 191
די בעטן — — — "
עלנדקייט — — — 192
ליבע און עלנדקייט — — — 193
שטילע וועגן — — — 194
צוויי זאכן — — — 195
מיין יוגנט — — — 196
וואס האט זיך אזוינס — — — 197
צום הונדערטסטן מאל — — — "
שפעטער פרילינג — — — 198
שעהן — — — 199
הערבסט מאטיוו — — — 200
ביז די גרויע האר — — — 201
אויף באזור — — — 202
דער לעצטער גערוס — — — 204
טרויער — — — "

לידער פון שייד־וועג

פון שייד־וועג — — — 207

לידער פון צווישן שייד־וועג

זייט

גייט מיר נאָך — 219
זאָג זיי — „
אומעטיגקייט מיינס — 220
פריינט — 221
טויטע פריינטשאַפט — „
בלומען — 222
קום ניט אומגעריכט — 223
אינם אנהויב — 224
אינם אויסלאָז — 225
די צייט האט צייט צו וואַרטן — 225
זון־זינגלאָז — 226
ווער יאָגט זיך מיט מיר — 227
נול — „
ציילט די צייט די יאָר — 228
ליכט־שאַטנדיקע־זעל — 229
עס ווילט זיך מיר בייטן — 230
ווער שאַרט זיך — „
ישפורן — 231
שפּאַרעס — 232
הייליקייטן — 233
אין פאַרענגערונג — „
מיין ציפּער־בלעטל — 234
איך בין אַ ציפּער — 235
פעדער און פּאַפּיר — „
נאַכט — 236
אַלץ און גאָרנישט — „
פאַרמאָגט דאָס לעבן — 237
ליריק — 238
אין לעבנס פאַרלויף — 238
בין איך מיר — 239
מיין ברונעז — 239
מיין ליד — 240

וועבער לידער און באַלאַדן

די ווידענע שטאָט — 243
זיידן וועבער — 245
איך פלעכט און וועב — 246
געוועבן — 247
זיידנצייג וועב איך — 249
מיין מיידעלע — 250
מאַי — 252
פרילינג — 254
דו וועבסט ניט גענוג — 255
די „פיקעט־ליין" — 256
ניט פאַר רעוואָלט — 258
אורג משי (באַלאַדע) — 260
עס וועלן דיינע טרוימען — 269
פירשטן־קינד — בעטלער־קינד (באַלאַדע) — 270
וועבערס — 298

פאַרצייכענונג פון וועבערשע ווערטער:

זייט

צפערן —: געדרייטע פעדעם — — — 247

צעפער —: פיינסטע וואָל — — „

אַנקע — אַנקענע־קאַפּעטע —: פּראָסטן צייג — — 248

שמיץ—שמיצן—: אַ צייכן, באַצייכענען די צאָל איילן פון שטיק 261

מולטן — מולטענע־הויזן —: האַלב־וואָל און האַלב־באַוועל. 262

טאָנטער—: דאָס דינע שנירעלע, וואָס פלעכט זיך אין געוועב. „

דיגנאַל—: אַ דיקער שיעף־שנירעלע, וואָס פלעכט זיך אין געוועב, „

קאָרדט — קאָרדטן —: שווערע וואָלענע סחורה. — —„

קאַמגאַר — קאַמגאַרן —: לייכטערע וואָלענע שטאָף — — „

שיצן — שיטצל — אַ וועב־שיפעל. — — — 267

בינד —: די פאַרפלעכטונג פון די פעדעם אויף אַזאַ אופן עס זאָל זיך אויסוועבן אַ שנירעל, קעסטעלאַך אָדער בלומען א. ז. וו. 271

געבעהמט—: אַרויפוויקלען די קעטע אויף אַ וואַלעק. — „

געליאַמט —: אויסשמירן מיט אַזאַ לאַים די פעדעם. — „

צוג—: די שנור וואָס דער וועבער גיט אַ צי און באַוועגט דעם שיצן „

לאַדע —: אַ טייל פון וועבשטול, וואָס קלאַפּט צו דעם פאָדעם. „

פוס־שעמעל —: די פוס טריט פון וועבשטול — — „

קרייקעס —: די לייסטן פון די סחורה. — — 273

שטרען—שטרענען—: עטלעכע פאַסמעס צוזאַמען, רופט מען

זייט

אַ שטרען. — — — — — 276

קולער —: אַן איינצעלנער פֿאָדעם אַרויפֿגעוויקעלט אויף אַ קולערל "

שער־בלאַט—: אַזאַ דראָטענער פֿאָדער קאַם, וואָס די פֿעדעם גייען אַ דורך — — — — — — "

קעטע־שערער —: דער וואָס מאַכט די קעטע פֿאַרן וועבער. "

שעראַמע—:אַ רונדיקע ראָד אַזאַ, וואָס דער קעטע־שערער, שערט פֿאַרן וועבער די קעטע. — — — — "

קעטלען —: אַ טייל פֿון דער קעטע. — — — 277

אָנגעקעטלט —: אָנגעטשעפּעט — — — "

שליכטן — אויסגעשליכטעט —: געשטאַרקט די פֿעדעם מיט אַזאַ לאַים. — — — — — "

בעהם-שטול—:ספּעציעלער"שטול"אַזאַ אַרויפֿצואוויקלען די קעטע"

רעקאַם—: אַזאַ הילצערנער קאַם, וואָס טיילט גלייך די פֿעדעם פֿון די קעטע אין בעהם־שטול. — — — "

געשיר —: אַ געשטעל, וואָס האַלט צוזאַמען אַלע פֿעדעם — "

געריגן —: אַריין געצויגן. — — — —"

קאַזשמיר —: קאַזשמירענע־קלייד — דעליקאַטען צעפּער "

אַטלעס —: אַטלעסענע זשופּיצע — אַזאַ גלאַנציגער שטאָף "

נופּען — אויסגענופּט —: אָפּצופּן די קניפּלאַך, אָפּשערען די דרימען פֿון געוועבטען שטיק. — — — 278

פּייפער —: אַ סיגנאַל וואָס רופֿט אין פֿאַבריק, — — 284

דרים — דרימען —: שטיקלאַך פֿעדעם. — — 294

צויטן —: איבעריגע שטיקלאַך, וואָס שלעפּען זיך נאָך. — "

מאָך —: וואָס פֿאַלט אַרונטער פֿון געוועב. — — "

שטויס—שטויסן—: אַסך סחורות צונויפֿגעלייגט אויף אַ קופּע. 296

מער, אַנדערע ווערטער זייַנען אין בוך פֿאַרצייכענט.